STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04816

YISROEL IN KAMF

*Permanent preservation of this book was made possible
by Myra Eichner
in memory of
Albert D. Eichner*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל אין קאמף

זאמלונג פון שילדערונגען און רעפּארטאזשן
פון דער יידיש־אראבישער מלחמה

ארויסגעגעבן דורך
הועד הפועל של ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל
מחלקת „החלוץ"

תש"ח תל־אביב 1948

צוזאַמענגעשטעלט און איבערזעצט דורך א. ש. שטיין

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב

אינהאלט

הקדמה 5

די געשטאַלט פון א יידישן קעמפער — ד. בן־גוריון . 7

י. שפרינצאַק . 8

ירושלים און דער צענטראַל־פראָנט

באַפעל פון קאָמאַנדיר פון די הגנה־כוחות אין ירושלים 10

מיט די באַפרייונגס־קעמפער 11

ווי אַזוי איז געפאַלן די אַלט־שטאָט 21

די לעצטע טעג פון גוש־עציון 25

די אָפעראַציע „נחשון" 30

לאַטרון 38

דער „בורמא־וועג" 40

אין מיליטער־לאַגער סאַראַפענד 42

אַ טאָג אין אבו־כביר 44

אַ נצחון־פייערונג 48

עמק הירדן און דער מזרחדיקער גליל

טירת־צבי 50

די באַפרייונג פון טבריה 51

די פּראָקלאַמירונג פון אַ יידישן רעזשים אין טבריה . 52

צמח 54

די דגניה׳ס אין פייער 57

דער מענטש האָט באַזיגט די מאַשין 59

צפת־קאַפּיטלען 66

הינטער די פראָנט־ליניעס פון שונא 71

עמק יזרעאל

די שלאַכט פון משמר העמק 73
בית־לחם און וואַלדהיים אין יידישע הענט . . 78
די דעראָבערונג פון זרעין 80

חיפה און דער מערבדיקער גליל

די באַפרייונג פון חיפה 83
אין עכו 85
ראש הנקרה 90

דער נגב

עפּאָס נגבה 94
יד מרדכי 100
אונטערערדיש לעבן אין נגב 105
אַ קאָנוואָי אויף די וועגן פון נגב 107
יידישע לופט־אַטאַקע אויף עזה 109

אויפן ראַנד

אונזער יוגנט 113
אונזערע מאַמעס 117
צו די שלושים 119
7 יאָר פלמ״ח 121
אין אַ לאַגער פון געפאַנגענע אַראַבער . . . 123
פראַגמענטן און פּאָרטרעטן 126

**
*

דאָס דאָזיקע ביכל איז אַ זאַמלונג פון רעפּאָרטאַזשן, שילדערונגען און נאָטיצן פון דער יידיש־אַראַבישער מלחמה, זינט דעם היסטאָרישן או״נ־באַשלוס פון דעם 29־טן נאָוועמבער 1947 ביז דעם ערשטן וואָפנשטילשטאַנד, דעם 11־טן יוני 1948.

דער צוועק פון דער זאַמלונג איז — אויסצומאָלן אין אַלגעמיינע שטריכן דאָס בילד פון דער מלחמה אין אירע כאַראַקטעריסטישע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן: צוערשט אַ קאַמף קעגן אָרטיקע אַראַבישע באַנדעס, אין סטיל פון די געשעענישן 39—1936; דערנאָך — אַ מלחמה קעגן דער אַזוי־גערופענער „רעטונגס־אַרמיי״, וועלכע איז באַשטאַנען פון פרייוויליקע זעלנער פון די אַרומיקע אַראַבישע לענדער; און צום סוף — אַ מלחמה קעגן די רעגולערע אַרמייען פון 5 אַראַבישע מדינות, וועלכע זיינען אונטערשטיצט געוואָרן, אָפן און פאַרשטעלטערהייט, דורך ענגלאַנד.

דער לעזער וועט באַקומען אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן דעם, ווי אַזוי בהדרגה׳דיק איז געוואַקסן דער יידישער מיליטערישער כוח, וועלכער איז אַרויס פון דער אונטערערד; ווי אַזוי עס האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט די פאַרשידענע מליטערישע אָפּצווייגונגען פון דער הגנה — ביז זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעגולערער אַרמיי וואָס פאַרמאָגט אַלע נויטיקע מיליטערישע פאַרמאַציעס אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט — „צבא ההגנה לישראל״.

דער לעזער וועט זיך אויך איבערצייגן אין דער גרויסער מיליטערישער באַדייטונג פון דעם וויכטיקסטן חלוציש[ן] ווערק אין ארץ ישראל — פון דער אַרבעטנדיקער קאָלאָניזאַציע. די אַרבעטער־ישובים, די קיבוצים, קבוצות און מושבים — פון אַלע ריכטונגען — האָבן דערפילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָל נישט נאָר אין דער באַשטימונג פון די גרענעצן פון מדינת

ישראל, נאָר אויך אין זייער פאַרטיידיקונג. די אַרבעטער־ישובים זיינען געווען מעכטיקע פעסטונגען, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן בייזע אָנגריפס־כוואַליעס פון דעם שונא.

די מאַטעריאַלן זיינען געזאַמלט פון פאַרשידענע מקורות: פון דער טאָג־טעגלעכער פרעסע, זשורנאַלן, באַריכטן פון דער „הגנה" א. אַנד. — געשריבן דורך זשורנאַליסטן, קריגס־קאָרעספּאָנדענטן און טיילווייז דורך די קעמפער אַליין. דעריבער טאַקע איז עס פאַרשטענדלעך, אַז די מאַטעריאַלן טראָגן נישט דעם חותם פון איין מחבר, פון איין סטיל און צוגאַנג — נאָר זיינען צונויפגעשטעלט ווי אַ פילפאַרביקע מאָזאיק. צוליב פאַרשידענע טעמים האָבן מיר געפונען פאַר נויטיק נישט צו פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די מחברים.

די געשטאַלט פון אַ יידישן קעמפער

וועלכער איז דער געוואונשענסטער טיפּ פון אַ פּאַרטיידיקער (אָדער זעלנער), וואָס אונזער באַוועגונג דאַרף פלעגן: אַ טיפּ וואָס זאָל פּערזאָניפיצירן סיי די פולסטע פּאָטענץ פון כוח און סיי דעם טרייסטן אויסדרוק פון גייסט — דעם גייסט פון אונזער באַוועגונג? ס׳איז נישט קיין לייכטע פּראָבלעם.

ווייל אונזער גאַנצע צוקונפט, אונזער עצם קיום און פרייהייט געפינען זיך איצט אין גרויס געפאַר — און נאָר אונזער כוח, דער פיזישער כוח, דער כוח פון די מוסקולן און וואָפן, פון די עפעקטיווסטע און אכזריותדיקע כלי־משחית וועלן אונז ביישטיין, און מיר מוזן טאָן אַלץ וואָס אין אונזער מעגלעכקייט, כדי זיי צו דערווערבן און מאַקסימאַל אויסנוצן אין דעם געהעריקן אָרט און אין דער ריכטיק־סטער צייט.

פון דער צווייטער זייט, אָבער, מוזן מיר ווי־אַם־שטרענגסטן אָפּהיטן אונזער מאָראַלישע געשטאַלט, דאָס אינערלעכע ליכט וואָס איז פאַרבאָרגן אין אונזער ציוניסטישער וויזיע — אַ באַפרייאונגס־וויזיע, וואָס פאַרמאָגט אַ טיפן מענטשלעכן, נביאישן און משיחישן אינהאַלט (און לאָמיר זיך נישט שעמען מיט אָט די דעפיניציעס, וועלכע דריקן אויס דעם אמתן אינהאַלט פון אונזער יידישער שטרעבונג); און דאָס אוניווערסאַלע ליכט, וואָס איז פאַרבאָרגן אין אונזער סאָציאַליסטישער וויזיע — די וויזיע פון מענטשלעכער ברידערלעכקייט, גלייכהייט און פרייהייט.

שטייענדיק אין אַ שווערער און אכזריות׳דיקער מלחמה, זייענדיק געצוווּנגען זיך צו פאַרפולקאָמענען אין דער דאָזיקער שרעקלעכער און שוידערלעכער מלאכה ביז צום זיג, מוזן מיר אַנטפלעקן אין זיך

די אינערלעכע קראַפט און אָפּהיטן אונזער מאָראַלישע געשטאַלט, כדי דאָס אַראַבישע פאָלק און די גאַנצע וועלט און דער עיקר: כדי די קעמפנדיקע יידישע יוגנט זאָל וויסן, אַז די דאָזיקע מלחמה איז פאַר אונז אַ ביטערע נויטווענדיקייט, אַז זי איז אויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף אונז פון־דרויסן; אַז מיר זעען אין די אַראַבער, וועלכע קעמפן קעגן אונז — אַ קרבן פון העצע און נישט קיין היס־טאָרישן שונא; און אַז מיר קענען זיין סיי אומבויגזאַמע קעמפער און סיי ריין אין גייסט און אָפּהיטן דעם „צלם אלהים" אויך אין שלאַכט.

די לייזונג איז נישט לייכט. ס'איז אָבער נויטיק, אַז אונזער באַוועגונג זאָל זוכן דעם וועג, ווי־אַזוי צו פאַרוואַנדלען די יוגנט אין אַ מעכטיקן און זיגרייכן קאַמפּס־כוח — און גלייכצייטיק אָפּהיטן די ריינקייט פון איר גייסט און די וויזיע פון שלום און מענטשלעכער ברידערלעכקייט, וואָס באַלעבט אונז.

(ד. בן־גוריון)

***

זינט דאָס יידישע פאָלק איז אַוועק אין גלות, האָט עס נישט איבערגעלעבט אַזעלכע נסיון־טעג ווי איצט. אין אָט דער מלחמה וועט אַנטשידן ווערן די צוקונפט פון פאָלק אויף לאַנגע יאָרן. און אונזער אַוואַנגאַרד אין דער מלחמה — דאָס איז די ארץ־ישראל'דיקע יוגנט, וואָס הייליקט מיט איר גבורה און מסירות־נפש דעם נאָמען פון יידישן פאָלק און פון יידישן קאַמף אין די אויגן פון דער וועלט.

די ארץ ישראלדיקע יוגנט פערזאָניפיצירט אין זיך די האָפנונג פון אַלע דורות, און איז מקיים מיט איר קערפער און נשמה די וויזיע פון אונזערע בעסטע טרוימער, פאָעטן און דענקער, פון די אַלע וואָס

האָבן געשטרעבט זינט תמיד צו אַ ליכטיקן מאָרגן פאַרן יידישן פאָלק.

מיטן ברען פון איר וויזיע, מיט איר גייסטיקער דבקות, מיטן כוח פון איר פרייוויליקייט און דערהויבענער זעלבסט־אויפאָפּפערונג, — האָט די יידישע יוגנט דערהויבן די הגנה צו דער מדרגה פון אַ ד ע ר ל י י ז ו נ ג ס ־ אַ ר מ י י, אַ שוץ און אַ רעטער, אַ טרעגער פון אונזער ישועה. צו איר שליחות איז די יוגנט דערגאַנגען שעפּנדיק יניקה פון די קוואַלן פון אונזער קולטור אין דער העברעאישער שול, פון דער דערציונג צו חלוציות און פרייוויליקייט וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זי געפּלעגט, און פון איר צוגרייטונג און דערציונג אין די רייען פון דער הגנה.

די דאָזיקע יוגנט וועלכע האָט זיך געווידמעט דער פאַר־ווירקלעכונג פון ציוניזם איז דורכגעזאַפּט מיט דער קולטור פון פאָלק, די קולטור פון „לא ישא גוי אל גוי חרב”, און זי טראָגט אין האַרצן די האָפנונג פון אַ מענטשלעכער צוקונפט וואָס איז אויסגעדריקט אין די שענסטע אידעאַלן און טרוימען פון אונזערע נביאים.

...די קעמפער פון דער הגנה זיינען די טרעגער פון דער ירושה פון די אבות, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן כלערליי אונטער־דריקער. זיי זיינען די טרעגער פון אונזער שליחות, פון יידישער ווירדע, אין צייטן פון שלום און אין צייטן פון מלחמה און פאַר־טיידיקונג פון אונזער לעבן און צוקונפט.

צו דעם לאָזונג פון דער הגנה: ז י י ש ט אַ ר ק ! דאַרף צוגע־געבן ווערן: ז י י מ אָ ר אַ ל י ש ־ ג י י ס ט י ק ר י י ן !

(י. שפּרינצאַק)

ירושלים און דער צענטראל־פראנט

באַפעל פון קאָמאַנדיר פון די הגנה-כוחות אין ירושלים

זינט אַ וואָך צייט גרייפט אָן דער שונא די שטאָט ירושלים מיט רעגולערער מיליטער, פאַנצער־אָפּטיילונגען און האַרמאַטן, מיטן ציל זיך אַריינרייסן אין שטאָט און ווערן דער הערשער איבער איר. עס איז אונז געלונגען אָפּצושטויסן דעם דאָזיקן שטאַרקן שונא, און אפילו דעראָבערן צוגאָב־געביטן, וועלכע זיינען אונז געווען נויטיק פאַר דער עפעקטיווער פאַרטיידיקונג פון יידישן ישוב.

דורך דעם דאָזיקן געראַנגל ראַטעווען מיר נישט נאָר ירושלים אַליין, נאָר מיר העלפן אויך דער מלחמה אין גאַנצן לאַנד דורכן צושמידן אַ סך כוחות פון שונא אין אָט דעם געביט און דורך דעם פאַרשפּאַרן דעם דורכגאַנג־וועג פון דרום קיין צפון און פון מזרח קיין מערב. יעדע קויל און יעדער שראַפּנעל, וועלכע ווערן געשאָסן אויף אונז, ווערן נישט געשאָסן אויף אַנדערע טיילן פון לאַנד — מער אַנטבלויזטע און ווייניקער באַפעסטיקטע ווי ירושלים.

איינס האָבן מיר באַשלאָסן: דער שונא וועט נישט אַריין אין אונזער שטאָט!

די באַוואָפנטע כוחות און דער גאַנצער ישוב פון שטאָט וועלן קעמפן פאַר יעדן שטיין פון אונזער הייליקער שטאָט, און וועלן פאַרוואַנדלען יעדן הויז און יעדע גאַס אין אַ פעסטונג פאַר די פאַרטיידיקער און אין אַ קבר פאַר אונזערע שונאים. יעדער איינוווינער, אָן אויסנאַם, דאַרף זיך שטעלן אין רשות פון קאַמף אין יעדן אָרט און צו יעדער אויפגאַבע וואָס ער וועט אויפגעפאָדערט ווערן. דער גאַנצער יידישער ישוב אין ירושלים, אָן אויסנאַם, ווערט דערמיט

אויפגעפאָדערט צו דער פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד, צו מער קאָנסאָלידאַציע און פעסטיקונג און אַנטפלעקונג פון די אין אים פאַרבאָרגענע כוחות.

דעריבער באַפעל איך: יעדער איינוווינער קען אויפגעפאָדערט ווערן צו דערפילן יעדע אויפגאַבע, צו יעדער צייט און מאָמענט, לויט די אינסטרוקציעס פון די קאָמפּעטענטע זיכערהייטס־אָרגאַנען; יעדעס אייגנטום, וואָס פאַרמאָגט וועלכן־עס־איז ווערט פאַר דער מלחמה־פירונג, קען עקספּראָפּריאירט ווערן דורך די קאָמפּעטענטע זיכערהייטס־אָרגאַנען, אויב זיי וועלן עס האַלטן פאַר נויטיק.

י״ד אייר, תש״ח—23.5.48

מיט די באַפרייונגס־קעמפער

אויסצוגן פון אַ שילדערונג פון אַ קאָרעספּאָנדענט וואָס האָט באַגלייט די יידישע כוחות, וועלכע האָבן דורכגעבראָכן אַ וועג צום יידישן קוואַרטאַל פון דער אַלט־שטאָט אין ירושלים.

יאָ, נישט צוליב דעראָבערונגס־צילן זיינען אַרויס קאָמבינירטע אָפּטיילונגען פון אַלע יידישע כוחות אין ירושלים, יענעם פרייטאָג, ה׳ אייר תש״ח. נישט צוליב דעראָבערונג אַלס אַזעלכע, נישט צוליב רויב און מאָרד און צעשטערונג פון הייליקע מקומות. זיי האָבן זיך געלאָזן אין ענגע געסלעך און פלעצער, וויסנדיק, אַז דאָס איז אַ וועג פון פיין און קרבנות. אָבער זייער ציל איז געווען — באַפרייען די אַלט־שטאָט פון דער בלאָקאַדע און באַנייען די פאַרבינדונג מיט די פאַרטיידיקער פון דעם יידישן קוואַרטאַל — דאָס עפענען דעם וועג צום כותל מערבי.

פינף און אַ האַלב חדשים איז דער יידישער קוואַרטאַל געווען אַרומגענומען מיט אַן אָפענער בלאָקאַדע. די פאַראַנטוואָרטלעכע מאַכט־אָרגאַנען פון דער מאַנדאַט־מאַכט האָבן גאָרנישט געטאָן, כדי צו באַפרייען די בלאָקירטע און פאַריאָגן די וואָס האָבן זיי בלאָקירט,

אָדער אַנטוואָפּנען זיי. זיי האָבן פון־פאָרויס פאַרמשפּט אויף דורכפאַל יעדן פרווו פון דער הגנה צו באַפרייען זייערע ברידער — און האָבן באַוויליקט צו באַזאָרגן די לעבנסוויכטיקע באַדערפנישן פון די איינ־וווינער. פינף און אַ האַלב מאָנאַטן האָבן אַרום קוואַרטאַל געלויערט די מענטשן פון מדבר באַוואָפנט ביז איבער די ציין, באַלאָדן מיט וואָפן און אַמוניציע.

כדי צוצוקומען צו די טויערן פון דער אַלט־שטאָט, האָבן די יידישע קעמפער געמוזט גובר זיין אַ ריי שטערונגען, דעראָבערן עטלעכע פּאָזיציעס און פאַריאָגן די אַראַבער פון אַנדערע פּאָזיציעס, אויס וועלכע זיי האָבן געקענט אָנגרייפן אונזערע פלאַנקען. און איידער מען האָט געקענט צוטרעטן צום דערפילן דידאָזיקע אויפגאַבע, האָט מען געמוזט פאַרנעמען לעבנסוויכטיקע שליסל־פונקטן. אָבער כדי דאָס צו טאָן — האָט מען געמוזט אָפּוואַרטן ביז די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן די שטאָט.

אין יענעם פרייטאָג האָבן די ענגלענדער פאַרלאָזט די שטאָט.

*

די יידישע כוחות האָבן אָנגעהויבן זייער מאַרש פאָרויס אין 4 ריכטונגען. אָבער אויך די אַראַבער האָבן זיך געגרייט צו דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט פאַר ירושלים. אַראַבישע קעמפער־קאָנ־צענטראַציעס האָבן זיך באַוויזן ביים שער יפו און שער שכם — און אין דער אַלט־שטאָט האָט זיך געמערקט אַ שטאַרקע באַוועגונג. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זייער דערפאָלג אין די ערשטע טעג פון די אומרועך — דאָס אַריינדרינגען אין נייעם האַנדלס־צענטער (המרכז המסחרי החדש) און זיין צעשטערונג — איז דערמעגלעכט געוואָרן נאָר אַ דאַנק דער אַקטיווער און פאַסיווער אונטערשטיצונג פונם דריטן צד. און זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף די פריערדיקע פונקטן — און אין זייער גליענדיקער מזרח־פאַנטאַזיע האָבן ווידער אויפגעלעבט יענע ערשטע דעצעמבער טעג פון 1947.

די יידישע כוחות האָבן פאַרהעלטנישמעסיק שנעל דערגרייכט זייערע ערשטע צילן. איינער נאָכן צווייטן זיינען איינגענומען געוואָרן

די פאַרשידענע וויכטיקע געביידעס, וועלכע זיינען מפורסם געוואָרן פאַר די צייטן פון בריטישן מאַנדאַט — די פּאָסט, א. פּ. באַנק, די טורמעס א.אַ.וו. א.אַ.וו. זיי האָבן אויך פאַרנומען די געביידע פון דער פּאָליציי אין מאה שערים־קוואַרטאַל, ווו דאָס בריטישע מיליטער פלעגט פאַרהאַלטן די יידישע קאָנוואָיען אויף זייער וועג צום אוני־ווערסיטעט און הדסה זוכנדיק געווער, די געביידע פון דער פּאָליציי־שול און אַ ריי פּונקטן, וואָס פון זיי איז באַשאָסן געוואָרן דער הדסה־קאָנוואי און 14 פון זיינע פּאַסאַזשירן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן.

דאַן האָבן די יידישע כוחות דעראָבערט דעם באַרימטן אַראַבישן קוואַרטאַל שייך דזשעראַך — מיטן ציל צו פאַרבינדן זיך מיט די יידישע כוחות פון דרום, און געמיינזאַם דורכברעכן אַ וועג צו דער אַלט־שטאָט.

פון דרום האָט טאָקע זיך אָנגעהויבן באַוועגן דער אַראַבישער לעגיאָן, — נאָכדעם ווי ס'איז אים „געלונגען” צו אונטערדריקן די פאַראיינזאַמטע יידישע ישובים פון גוש עציון, אַרומגערינגלט מיטן ים פון דער טראַדיציאָנעלער שנאה פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין די חברון־בערג. עס איז אויך באַקאַנט געוואָרן, אַז אָפּטיילונגען פון לעגיאָן באַוועגן זיך אויך אויפן וועג פון יריחו, צו־הילף די אַראַבישע באַנדעסביים פראַנצויזישן שפּיטאָל „נאָטרדאַם דע פראַנס”, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן דורך יידישע כוחות.

אין דער אַלט־שטאָט אַליין איז אונזערע כוחות געלונגען צו דעראָבערן די פּאָזיציעס וואָס די ענגלענדער האָבן ערשט אינדערפרי פאַרלאָזן, — די פּאָזיציעס וואָס פון זיי האָבן זיי אָפּגעהיט זייער „נייטראַליטעט”.

אונזערע כוחות האָבן זיך גענומען גרייטן מקבל פּנים זיין די עיראַקישע באַנדעס וועלכע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אין די געסלעך אַרום דעם יידישן קוואַרטאַל. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אין אָנבליק פון די יידישע דערגרייכונגען אין דער נייער שטאָט, וועלן די אַראַבער זיך פאַרמעסטן צו ליקווידירן דעם יידישן קוואַרטאַל אין דער אַלט־שטאָט.

*

אַ ליכטיקער פרייטאָג־צו־נאַכטס איז אַראָפּ אויף ירושלים. ביי די געציילטע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וואָס פונקציאָנירן מיט דער הילף פון אַקומולאַטאָרן, האָבן זיך צענויפגעזאַמלט שכנים און סתם פאַרבייגייער — כדי זיך צוהערן צו דער גרינדונגס־פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה, מדינת ישראל.

במשך פונם שבתדיקן טאָג האָבן זיך געצויגן די קאַמפן פאַר דער באַפרייונג פון ירושלים און אָפּשאַפן די לאַנגדויערנדיקע בלאָקאַדע אַרום דער אַלט־שטאָט. במשך פונם טאָג און אויך ביינאַכט זיינען די יידישע כוחות געווען באַשעפטיקט מיטן פאַרפעסטיקן זיך אין די באַפרייטע פונקטן און פאַרגעזעצט זייער טעטיקייט ביים אָפּרייניקן די אַרומיקע געביטן פון דעם שונאס כוחות. עס איז דערגאָבערט געוואָרן דער אַלענבי־לאַגער אויפן וועג צום תלפיות־קוואַרטאַל. אויך דער לאַגער איז דאָנערשטאָג פאַרלאָזן געוואָרן דורכן בריטישן מיליטער. אַן עיראַקישע באַנדע, וואָס האָט געציילט אַרום 300 מאַן, האָט זיך אַריינבאַקומען אין דעם לאַגער און זיך אָנגעהויבן באַפעסטיקן אין אים. שבת אינדערפרי, נאָך אַ פירשעהיקער שלאַכט, בעת וועלכער דער שונא האָט געליטן שווערע פאַרלוסטן, איז דער לאַגער איינגענומען געוואָרן. אויך אַ טייל פון דער באַן־סטאַציע, בענזין־ און ברען־שטאָף מאַגאַזינען א. אַנד. אָביעקטן זיינען דעראָבערט געוואָרן.

אָבער פון הר ציון האָט מען אַן אויפהער באַשאָסן דעם ימין משה־קוואַרטאַל, — אויפן גרענעץ פון דעם שונאס געביט. אויך אין אַנדערע קוואַרטאַלן האָבן די אַראַבער אָנגעהויבן קאָנטר־אַטאַקעס, און פאַרנאַכט־צו האָבן זייערע האַרמאַטן פון הינטער דער שטאָט אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דאָס יידישע ירושלים. מער ווי הונדערט שראַפּנעלן זיינען געפאַלן אויף דער קעמפענדיקער שטאָט, מער ווי הונדערט שראַפּנעלן האָבן געצילט צו ברעכן דעם גייסט פון אירע איינוווינער־באַשיצער־קעמפער — און הגם זיי האָבן געטראָפן

עטלעכע בנינים און פאַרשאַפט אייניקע פאַרלוסטן, האָבן זיי אָבער זייער ציל נישט דערגרייכט.

אַרום צען אַזייגער האָט זיך געהערט אַ אָפּהילך פון אַ סך שאָסן פון דער ריכטונג פון דער אַלט־שטאָט. סעריעס פון אויטאָמאַטן, פּאָספּאָר־קוילן און ראַקעטעס האָבן באַלויכטן דעם מזרח טייל פון ירושלים. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אַראַבישער אָנגריף אויפן יידישן קוואַרטאַל. אין דערזעלבער צייט, ווען פאַרשטייער פון פאַרגע־שריטענע קריסטלעכע מדינות האָבן געפּרוווט אונטערהאַנדלען מכוח ראַטעווען לכל הפּחות דעם אַלטן און געהייליקטן שטאָט־טייל — האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער אָנגריף אויפן יידישן קוואַרטאַל און זיינע פאַרטיידיקער. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געצויגן אַ פאַר־ביטערטע שלאַכט. טויזנטער אויגן און הערצער זיינען געווען אָפן און וואַך, באַאומרואיקט דורכן גורל פון דעם לעצטן רעשט פון דער אַמאָליקער יידישער מלוכה אין דער נאַכט ווען ס'איז אַנטשטאַנען די נייע יידישע מדינה.

פרימאָרגן־צו זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן די אַראַבישע אָנגריפן. זיי האָבן זיך רעאָרגאַניזירט און באַקומען פאַרשטאַרקונגען. אין אַנדערע קוואַרטאַלן האָבן די אַראַבער פאָרגעזעצט זייערע קאָנטער־אַטאַקעס. אויך די ניי־שטאָט איז באָמבאַרדירט געוואָרן. די ירושלימער יידן זיינען נישט אַריינגעפאַלן אין פּאַניק. זיי האָבן געוווּסט וועגן דער אַראַבישער אינוואַזיע אויף אַלע גרענעצן. זיי האָבן געוווּסט, אַז דער קאַמף אין ירושלים איז אַ טייל פונם אַלגעמיינעם קאַמף.

מענטשן זיינען אַראָפּ אין שוץ־קעלערס. מען האָט פאַרלאָזט די גאַס. קרבנות פון ביידע זייטן. לוויות.

שוין מיטאָג־צייט איז באַנייט געוואָרן דער אָנגריף אויף דער אַלט־שטאָט. אומגעהויער שווערע קאַמפן האָבן דאָרט געבושעוועט. די אָנגרייפער האָבן קאָנצענטרירט גרויסע כוחות און דורכגעבראָכן די שוץ־ליניעס אין אייניקע פּונקטן. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס האָבן זיך דאָ געפונען פרויען און קינדער, האָט דער קוואַרטאַל פאַר־געזעצט דעם קאַמף. גבורה־טאַטן זיינען דאָ געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע

דערשיינונג. אויך דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר וואָס שטייט אויף דער וואַך, אויך די פרוי וואָס פירט אירווירטשאַפט און זאָרגט פאַר אירע קינדער — באַווייזן איצט גרויס מוט.

ירושלים ווייס וואָס עס דערוואַרט איר. זי איז גרייט אויף שוועריקייטן. און קרבנות. דער קאַמף פאַר איר באַפרייונג האָט זיך אָנגעהויבן.

*

אין די לעצטע שעהן פון דער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק, האָט זיך ווידער באַנייט דער אַראַבישער אָנגריף אויף דעם בלאָקירטן קוואַרטאַל.

די פאַרטיידיקער קעמפן העלדיש. די פאָדערשטע שוץ־ליניעס זיינען ענדגילטיק דורכגעבראָכן געוואָרן דורך עיראַקישע כוחות — און עס האָבן זיך פונאַנדערגעפלאַקערט גאַסן־קאַמפן. די אַראַבער מיידן נישט אויס שולן, מעטשעטן, קלויסטערס, אַלטע איבער טויזנט־יעריקע געביידעס.

„לויט די כוחות־פאַרהעלטנישן האָבן די פאַרטיידיקער שוין פון לאַנג זיך געדאַרפט אונטערגעבן — אָבער דער לעבנסווילן און גלויבן באַווייזן וווּנדער" — האָט דערקלערט אַ פאָרשטייער פון דער הגנה. די באַמיונגען פון די אַראַבער אַריינצודרינגען טיפער ווערן אָפּגעשטויסן. אין דער אַלט־שטאָט געפינען זיך איצט איבער 50 טויזנט אַראַבער, דערונטער אַ 30 טויזנט קעמפער. אין יידישן קוואַרטאַל — קרוב 1500 יידן, וואָס יעדע פרוי, קינד און זקן פון זיי איז אַ קעמפער — הגם נישט בפועל ממש.

דער גרויסער אָנגריף האָט זיך דערווייל אָפּגעשטעלט. די אַראַבער קאָנצענטרירן זייער גרויסע כוחות ביי די דורכברוך־פונקטן. פונוואַנען וועלן קומען פאַרשטאַרקונגען פאַר די אין דער אַלט־שטאָט איינגעענגטע יידישע קעמפער? און אויך די באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט הערט נישט אויף. לענג־אויס וועגט שטעלן זיך אויס רייען נאָך וואַסער. פון אַ שפּייז־קראָם גייט אַרויס אַ פרוי מיט אַ קויש, קוקט זיך אום אַ רגע, און לויפט אַדורך שנעל די גאַס. אָבער די

גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז קאָנצענטרירט אַרום דער אַלט־שטאָט, ווו אַ שטאַרקער אָנגריף האָט זיך פונדאָסניי אָנגעהויבן מאָנטיק מיטאָג־צייט.

די פאַרטיידיקער האַלטן זיך פעסט אויף זייערע פּאָזיציעס, הגם די ליידן זייערע גרויס און מען האָט געמוזט עוואַקוירן אַ ריי טייערע ערטער. אין חורבת ר׳ יהודה החסיד, די פּרעכטיקע שול פון יידישן קוואַרטאַל בושעוועוען פּאָגראָמשטשיקעס. דער „רויטער קרייץ״ האָט גענומען אונטער זיין שוץ דעם שפּיטאָל „משגב לדך״. און די זון איז פאַרגאַנגען און דער אָוונט איז געקומען — און ווי אַ לעבעדיקער מויער זיינען געשטאַנען די יידישע פאַרטיידיקער קעגן אַ כוח וואָס איז צוואַנציק מאָל שטאַרקער ווי זיי.

*

און ווידער האָט ירושלים איינגעהאַלטן איר אָטעם — יידישע בחורים, מיד אָבער מוטיק, האָבן צום פערטן מאָל אין די לעצטע פיר טעג גענומען מיט זיך וואָפן און שפּייז — גרייט אין וועג אַריין.

אַ סך שפּייז וועלן זיי נעמען מיט זיך דאָס מאָל. און אויסער דעם כלערליי מעדיקאַמענטן און באַנדאַזשן, קאָסטנס מיט קאָנסערוון, און אַמוניציע פאַר דער אַלט־שטאָט. זייער שליחות איז דאָס מאָל נישט קיין ריין־מיליטערישע. דאָס מאָל איז זייער ציל נישט די פאַר־ניכטונג פון שונא אָדער פון זיינע באַזעס. זייער ציל איז אַ מער דער־הויבענער — ליקווידירן די לאַנגע און פּיינפולע בלאָקאַדע. פון זייער דערפאָלג איז איצט אָפּהענגיק דער גורל פון 1500 נפשות. און מען מוז ברענגען שפּייז און אַמוניציע פאַר די ברידער וואָס שטייען שוין איבער דריי מאָנאַט אין העלדישע און בלוטיקע קאַמפן. מען מוז איבערטוישן מענטשן. מען מוז זיי ברענגען אַ גרוס פון דערמוטיקונג און אָנערקענונג.

אויך דער קורצער טאָג־באַפעל האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער גרויסקייט פון היסטאָרישן מאָמענט. דער באַשייַ־דענער קאָמאַנדיר האָט דאָס מאָל נישט געקענט נישט באַהויכט ווערן דורכן גייסט פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, פון הר ציון און

פונם וועג ווו מיט 1800 יאָר צוריק זיינען יידישע סאָלדאַטן אַוועק אין גלות.

דער באַפעל האָט געלויטעט:

„גדוד הפורצים!* ווידער שטייגן אַרויף יידישע סאָלדאַטן נאָך 1877 יאָר אויף די מויערן פון דער אַלט־שטאָט. חזקו ואמצו!"

דעם גאַנצן דינסטאָג, ט' אייר, האָבן זיך געצויגן די צוגרייטונגען צום לעצטן שפּרונג. פון שער יפו האָבן אַראַבישע סנייפּערס געשאָסן און געצילט אויפן וועג צווישן דער יידישער ירושלים און שער ציון. אָבער די באַוועגונג איז נישט פּאַראַליזירט געוואָרן. שפּייז און אַמוניציע איז אָנגעקומען, מיט גרויס מסירות נפש און עפעקטיווער געשיקטקייט.

די בחורים זיינען געלעגן אין די גאָרטנס פון די דערבייקע דעראָבערטע מאָנאַסטירן. אין די פרימאָרגן־שעהן האָבן זיך דריי מוטיקע בחורים (איינער פון זיי אַ פאַרוווּנדעטער) דורכגעשלייכט און באַפאַלן פינף אַראַבער, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט מיט אויסרויבן אַ פאַרברענט יידיש הויז. די פינף זיינען געוואָרן איבעראַשט. צוויי פון זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט מיטן איינציקן יידישן רעוואָלווער. די דריי אַנדערע זיינען אַנטלאָפן. אומקערנדיק זיך צו זייער פּאָזיציע האָבן זיי, די גליקלעכע, מיטגעבראַכט מיט זיך 2 אויטאָמאַטן, קוילן און אַ זעקל מיט אויפרייסשטאָף.

וואָס וועט זיין היינט ביינאַכט? זאָל זיין וואָס עס וועט זיין, מען מוז זיך דורכרייסן און דורכברעכן אַ וועג צום יידישן קוואַרטאַל און אים באַפרייען. דאָס וועט נישט דערגרייכט ווערן דורך אַ בלינדן באַפעל. דאָס וועט דערגרייכט ווערן נאָר מיטן כוח פון מוט, טיפסטער איבערצייגונג און קרבנות־גרייטקייט פון יעדן בחור.

מען ליגט און מען וואַרט אויפן אַנטשיידנדיקן מאָמענט. קלאַנגען זיינען דערגאַנגען, אַז ביינאַכט זיינען אין דער אַלט־שטאָט

---

* אַ נאָמען פון אַ גדוד פון פלמ"ח.

אָנגעקומען געפּאַנצערטע כוחות פון אַראַבישן לעגיאָן. אויך פעלד־האַרמאַטן („האָוויצערס"). דאָס האַרץ פּולסירט שנעלער... 1500 איינוווינער אָפּגעשניטן פון דער יידישער שטאָט, און אַ הייפל קעמפער, האַלב הונגעריק, בלאָקירט...

צוויי אַ זייגער ביינאַכט. צווישן מאָנאַסטירן, מעטשעטן און בתי קברות שלייכן יידישע סאָלדאָטן צום פאַרשפּאַרטן שער ציון. פון אַלע טיילן ירושלים דערגייט אַ אָפּהילך פון שיסערייען און אויפרייסן. אין שפּיץ פון דעם שטורם־כוח מאַרשירט די סאַבאָטאַזש־אָפּטיילונג (יחידת חבלנים). 30 מעטער טיילן אָפּ צווישן איר און דעם מויער. זיי פאַרהאַלטן זיך. קניען ביי אַ הויכער וואַנט פון אַ קלויסטער און קוקן זיך אום אין אַלע ריכטונגען. אַ מעכטיקע שפּאַנונג אין אָט דער שטילקייט. פאַרוואָס שיסן זיי נישט? אָבער אָט האָט זיך צעוואָיעט אַן אַראַביש מאַשינען־געווער. פּאָספאָר־קוילן לויפן איבערן געסל.

די אָפּטיילונג מאַרשירט פאָרויס, איינגעבויגן, די אויפרייס־שטאָף־פּעקלעך אויף די פּלייצעס, די וואָפן אין האַנט. אַ שפּרונג — און זיי זיינען אויף דער צווייטער זייט געסל, ביים אַלטן מויער. מיט אַ שטילער שטים גיט דער קאָמאַנדיר זיינע לעצטע אינסטרוקציעס, ווו און ווי־אַזוי אַוועקלייגן דעם אויפרייס־שטאָף. אַן דעם מינדעסטן רויש ווערט אַוועקגעלייגט דער אויפרייס־שטאָף ביים טויער. און ווידער הערט זיך דער שנעלער, שפּליטערהאַפטער געבריל פון אַ מאַשינען־געווער. די אויטאָמאַטישע ביקסן פון דער אָפּטיילונג דעקן מיט זייער פייער די אַוואַנגאַרד־אָפּטיילונג און ענטפערן אויפן פייער פון די אַראַבער. ווו זיינען זיי? אויפן מויער? הינטער אים? די סאַבאָטאַזש־גרופּע קערט זיך שנעל אום, אונטער אַן האָגל פון קעגנזייטיקן פייער, און לייגט זיך אויס ביי אַ וואַנט.

3.35 ביינאַכט האָט זיך אין ירושלים געהערט אַ מעכטיקער אויפרייס. אפילו אין דער נאַכט, ווען ס'האָבן זיך אָן אויפהער געהערט בלערליי אויפרייסן און שיסערייען, האָבן די איינוווינער געפילט — אַז עס איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. די וואָס האָבן זיך געפונען נישט ווייט פונם מויער האָט זיך אויסגעדוכט אַז דער גאַנצער

מויער איז איינגעפאַלן. אַזוי־ווי אַ וואָפן־לאַגער וואָלט זיך אויפגעריסן צוזאַמען מיט די אויפרייס־מאַטעריאַלן.

30 סעקונדן זיינען פאַרביי ביז איינער פון די בחורים האָט געוואַגט אויפהויבן זיין קאָפּ פון באָדן. שטיקער שטיינער זיינען געפלויגן אין דער לופט. פּאַמעלאַך האָבן זיי זיך אָוועקגעשלייכט פון דעם אָרט. און אַ קוק טוענדיק אויף הינטערוויילעכץ האָבן זיי געזען — דער מויער שטייט פעסט ווי געווען.

מען טאָר נישט פאַרלירן קיין מאָמענט. מען מוז אויסנוצן די צעטומלונג און איבעראַשונג פון שונא. מען מוז דורכברעכן אַ וועג. די פּלמ״חניקעס איילן זיך, דורכן שער ציון, ביי די זייטן פון וועג, פאָרויס. שטיל. איינזאַמע שאָסן. עס האָט קיינער פון די אַראַבער זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז יידן זיינען אריינגעדרונגען צווישן די מויערן. און אויך אונזערע בחורים האָבן, ווייזט־אויס, נישט געגלויבט. עס זיינען פאַרביי עטלעכע מינוט, ביז פון עפּעס אַ בלאָק האָט זיך באַוויזן אַ געשטאַלט, וואָס האָט אויסגערופן:

„חברה, אַהער. דאָ זיינען מיר!"

*

עס איז פאַרביי דער גרויסער מאָמענט. ביידע צדדים זיינען געווען טיף גערירט. און עמעץ האָט אַ זאָג געטון: „ווען מיר וואָלטן נישט געוווסט אַז איר וועט קומען, וואָלטן מיר נישט אויסגעהאַלטן ביז איצט". געזאָגט האָט עס דער קאָמאַנדיר פון די הגנה־כוחות אין דער אַלט־שטאָט. און דאָס איז געווען דער בעסטער און שענסטער דאַנק. אָבער ס'איז נישט געווען קיין צייט פאַר פרייד־אויסדריקן. מען מוז זאָרגן פאַר די געפערלעך קראַנקע און זיי אַרויספירן. מען מוז איבערטוישן קעמפער.

פון הינטער דעם מויער זיינען אָנגעקומען בחורים און קאַסטנס מיט אַמוניציע, שפּייז און מעדיקאַמענטן אויף די פּלייצעס. אויף טראָגבעטלעך האָט מען אַרויסגעטראָגן די שווער־פאַרוווּנדעטע.

און דער נייער קאָמאַנדיר פאַרצייכנט שנעלע נאָטיצן אין זיין נאָטיץ־ביכל.

די ניי־אָנגעקומענע בחורים ווייסן גוט וואָס עס דערוואַרט זיי. זיי ווייסן, אַז דער לעגיאָן איז אָקאָרשט געקומען. אַז די אַראַבער האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זייער אַמביציע איינצונעמען די אַלט־שטאָט. זיי ווייסן — און מאַכן זיך נישט קיין אילוזיעס. וועגן איין זאַך פרעגן זיי זיך כסדר: ווי קען מען זען פונדאַנען דעם כותל מערבי?

דער גרויסער מאָמענט איז פאַרביי. אָבער ער וועט נאָך באַשריבן און באַזונגען ווערן אַלס איינער פון די דערהויבענסטע מאָמענטן פון יידישן פאָלק וואָס לעבט אויף און קעמפט פאַר זיין באַפרייונג. און געשען איז עס, דריי אַ זייגער מיט ניין און דרייסיק מינוט ביינאַכט, י׳ אייר התש״ח.

ווי־אַזוי איז געפאַלן די אַלט־שטאָט

נאָך 10 טעג פון פאַרביטערטע שלאַכטן קעגן איבערוויגענדיקע כוחות פון אַראַבישן לעגיאָן, עיראַקער, סיריער, אָרטיקע אַראַבער און עגיפּטער — איז געקומען אַ סוף צום העלדישן קאַמף פון יידישן קוואַרטאַל אין דער ירושלימער אַלטשטאָט. נאָך צוויי הונדערט און צען שעה פון אומאויפהערלעכער האַרמאַטן־קאַנאָנאַדע, נאָכדעם ווי די אַלטע שול — חורבת יהודה החסיד — איז באַמבאַרדירט און אונטערגעצונדן געוואָרן, האָבן די איינוווינער פון דער יידישער אַלט־שטאָט אָנגעהויבן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מכוח עוואַקואירן דעם קוואַרטאַל פון זיינע יידישע איינוווינער — דאָס ערשטע מאָל נאָך יאָר־הונדערטער!

צוויי רבנים, וועלכע זיינען אַרויס פון אַ פּאָזיציע אינם דרומדיקן טייל פון דער יידן־גאַס, טראָגנדיק אַ ווייסן טיש־טוך צוגעבונדן צו אַ הויכן שטעקן, האָבן געשפּאַנט אין דער ריכטונג פון די אַראַבישע פּאָזיציעס — און דער פייער איז גלייך אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף יענעם אָפּשנים.

אין פינף מינוט אַרום האָבן אַלע כוחות פון אַראַבישן לעגיאָן באַקומען אַ באַפעל אָפּצושטעלן דעם פייער אין דער ריכטונג פון

יידישן קוואַרטאַל, ווייל עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ משא ומתן מיט די פאָרשטייער פון די יידישע איינוווינער — וועגן קאַפּיטולאַציע, אויסליפערן דאָס געווער און עוואַקואירן די ציווילע באַפעלקערונג.

דער באַשלוס פון די ציווילע אָנצוהויבן אַ משא ומתן מיט אַראַבישן לעגיאָן, איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ סך באַטראַכטונגען אין ליכט פון דעם מצב אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען דער קוואַרטאַל און וואָס איז געוואָרן קריטישער פון טאָג צו טאָג.

מיט איין מאָל איז אַ שפּרונג געטאָן די צאָל געטראָפענע אויף 60 געהרגעטע, לערך, און איבער 100 פאַרוווּנדעטע פאַר די לעצטע עטלעכע טעג. אין די מאָרגן־שעהן האָבן די פאַרטיידיקער אויסגעשאָסן די לעצטע ביקסן־קוילן, און די לעצט־פאַרבליבענע אַמוניציע איז געווען פון אויטאָמאַטן פון סטען־טיפּ. עס איז אויך פאַרבליבן ביי יעדן איינעם פון די פאַרטיידיקער צו איין האַנט־גראַנאַט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר זעלבסטפאַרטיידיקונגס־צוועקן אין לעצטן מאָמענט. די ענגשאַפט אינם שפּיטאָל „משגב לדך״ איז אומגעהויער געשטיגן, און אייניקע שראַפּנעל־שפּליטערן וואָס האָבן געטראָפן די געביידע האָבן אַרויסגערופן אַ צוגאָב־פּאַניק צווישן די פאַרוווּנדעטע פרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען זינט צען טעג. און די שלאַכט איז שטיל געוואָרן.

נאָך די פרימאָרגן־תפילות פרייטאָג אינדערפרי אין אָמאַר־מעטשעט, האָט מען אין די נאָענט־ליגנדיקע פּאָזיציעס פון די פאַרטיידיקער געהערט די התלהבות־געשרייען פון מאַסן אַראַבער וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער אַלט־שטאָט, נאָכדעם ווי די מערהייט פון דער נייער ירושלים איז איינגענומען געוואָרן דורך די יידן. און ווידער האָט זיך פאַרשטאַרקט דער דרוק פון די אָנגרייפער אויף די פאַרטיידיקער פון דער יידישער אַלט־שטאָט, אָבער די קוואַנטיטעט פון זייער פייער איז געווען כמעט ווי נישטיק און זיי האָבן פאַרלאָזן עטלעכע וויכטיקע פּאָזיציעס.

יאָ, עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעשטעלט, אַז אָן אַמוניציע וועלן די פאַרטיידיקער פון קוואַרטאַל נישט קענען לאַנג אויסהאַלטן. יעדנ־

פּאַלס האָבן די פּאַרטיידיקונגס־כּוחות געמאָלדן די ציווילע איינ־וווינער, אַז זיי וועלן זיך נישט אונטערגעבן און וועלן פאָרזעצן דעם קאַמף אַזוי־לאַנג ווי די איינוווינער זיינען גרייט אויסטראָגן די אומגעהויערעליידן. אויב אָבער די איינוווינער וועלן באַשליסן זיך אונטערגעבן און אָנהייבן אַ משא ומתן — וועלן די פּאַרטיידיקונגס־כּוחות נישט פאַרמיידן דאָס מיט כּוח.

צען מינוט פאַר 4 אַ זייגער האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטער־האַנדלונגען מיטן קאָמאַנדיר־שטאַב פון אַראַבישן לעגיאָן אין דער אַלט־שטאָט. דער קאָמאַנדיר פון לעגיאָן האָט געשטעלט באַדינגונגען, וועלכע זיינען געווען ענלעך צו די באַדינגונגען וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן צו די פאַרטיידיקער פון גוש עציון. ער האָט געפאָדערט — אויסליפערן דאָס געווער, עוואַקואירן דעם גאַנצן יידישן קוואַרטאַל, אַרויסגעבן אַלע מענער אין עלטער פון 15 ביז 50 אויסער די פאַרוווּנ־דעטע. ער האָט אויך געמאָלדן, אַז ער האָט בדעה צו נעמען אין געפאַנ־גענשאַפט אַלע פאַרטיידיקונגס־כּוחות און אַלע איבעריקע מענער אין קאַמף־עלטער. די געפאַנגענע וועט ער אַריבערפירן קיין רבת עמון (די הויפּט־שטאָט פון טראַנסיאַרדאַניע) און ער וועט מסכּים זיין צו אַן אויפזיכט פון „רויטן קרייץ" איבערן לאַגער פון די געפאַנגענע דאָרט.

די באַדינגונגען זיינען אָנגענומען געוואָרן. עס איז נישט געווען קיין אָרט פאַר לאַנגע אונטערהאַנדלונגען. אין עטלעכע טיילן פון דער אַלט־שטאָט האָבן זיך נאָך געסמאַלעט רעשטן הייזער וועלכע זיינען געטראָפן געוואָרן דורך צינד־באָמבעס פון אַראַבישן לעגיאָן. הינטער דעם ערשטן קאַמפּס־פּלאַצדאַרם איז געשטאַנען אַ בלוט־דורשטיקע אַראַבישע מאַסע — און די פאַרטיידיקער אין זייערע פּאָזיציעס זיינען געווען אָן אַמוניציע.

זעקס אַ זייגער האָט זיך פאַרענדיקט דער משא ומתן. מען האָט אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען אַרויסצופירן די ציווילע איינ־וווינער אויסער די מויערן. דאָס איז געוואָרן נאָך מער דרינגענד, נאָכדעם ווי אַן אַראַבישע מאַסע האָט געפּרוווט עטלעכע מאָל זיך אַריינרייסן און אויך דער קאָמאַנדיר פון לעגיאָן, וואָס האָט צוגעזאָגט

בעת די אונטערהאַנדלונגען איינצוצוימען דידאָזיקע מאַסע און זאָרגן פאַרן וואוויל פון די קאַנדידאַטן אויף אַריבערפירן, האָט צוגעאיילט דאָס אַרויספירן פון די פאַרוואונדעטע צוליב דער מורא פאַר אומרוען.

אַ פאָר מינוט נאָך זעקס האָט דער פייער, גאַנץ צופעליק, זיך אַריבערבאַקומען פון אַ דערבייאיק הויז צו דער געביידע פון שפיטאָל „משגב לדך". די שריפה האָט זיך אָנגעהויבן שנעל פונאַנדערשפרייטן. מען באַצייכנט די הילף פון אַראַבישן לעגיאָן ביים עוואַקואירן די ברענענדיקע געביידע פון די פאַרוואונדעטע פרויען און קינדער, וועלכע זיינען נאָך דאָרט פאַרבליבן.

אַ סך איינוואוינער פון ירושלים זיינען געשטאַנען אויף די דעכער און די בליקן זייערע צוגעקלעפט צום יידישן קוואַרטאַל. די זאָרג און ציטער פאַרן גורל פון דער אַלט־שטאָט איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען פייער־פלאַמען האָבן איינגעהילט דעם שפיטאָל. אנדערע האָבן געציטערט פאַרן גורל פון כותל מערבי און זיין אומגעגנט, אַנדערע ווידער, — אַז דער לעגיאָן וועט נישט האַלטן דעם הסכם און די אַראַבישע מאַסע וועט באַפאַלן די עוואַקואירטע. אָבער די שרעק האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַגרינדעט. אוונט־צו האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין איינעם פון די דורך דער הגנה באַזעצטע קוואַרטאַלן — די ערשטע פליטים פון דער אַלט־שטאָט.

איבער 1000 מאַן, פרויען און קינדער און אַלטע לייט זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון דער אַלט־שטאָט און פון דער אַרמענישער שול, וווּ דער לעגיאָן האָט זיי באַזעצט די לעצטע נאַכט, ביז צו מיטאָג־צייט שבת. נאָך אַרום 140 מאַן, דערונטער מענטשן פון מעדיצינישן פערסאָנאַל, האָט מען געזאָלט אַרויספירן שבת. אין די הענט פון לעגיאָן זיינען אַריינגעפאַלן קרוב צו 350 געפאַנגענע, דערונטער אויך עלטערע לייט וואָס האָבן נישט געהערט צו די פאַרטיידיקונגס־כוחות, מענער אין עלטער פון 50—51.

צווישן די עוואַקואירטע פון דער אַלט־שטאָט זיינען געווען עטלעכע זקנים, וועלכע האָבן דאָס ערשטע מאָל אויף זייער לעבן געזען די נייע ירושלים. אַ סך פון זיי האָבן זינט יאָרן נישט פאַרלאָזן

די טויערן פון דער אַלט־שטאָט. אַ סך פון זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי קינדער און קרובים. אַנדערע — אין עפענטלעכע הייזער.

...די באָמבאַרדירונג פון דער שטאָט ווערט פאַרגעזעצט. אַלע פרוּוון פון די אַראַבער זיך אַריינרייסן אין דער נייער שטאָט זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן מיט שווערע פאַרלוסטן פאַרן שונא. די יידישע אַוויאַציע האָט באָמבאַרדירט קאָנצענטראַציעס פון לעגיאָן און פון זיינע פאַנצערס. און די גרויסע שלאַכט פאַר עפענען דעם וועג קיין ירושלים — די שלאַכט אַרום לאַטרון — ברויזט און בושעוועט...

די לעצטע טעג פון גוש עציון

גוש עציון נעמט אַרום 4 פאַראייניזאַמטע קליינע יידישע ישובים אין אַ באַרג־געגנט אויפן מיטן וועג צווישן ירושלים און חברון; כפר עציון, משואות יצחק, רבדים און עין־צורים.

די שלאַכט פון גוש עציון איז געווען אַ לאַנגע און פאַר־ביטערטע. זי האָט זיך צעפלאַקערט נאָך בעת דער הערשאַפט פון מאַנדאַט־רעזשים. די צאָל פון די אָנגרייפער איז געווען צענדליקער מאָל גרעסער פון דער צאָל אָנגעגריפענע; די פאַרטיידיקער פון גוש עציון האָבן אַ לאַנגע צייט, העראָיש און מיט גאָר באַדייטנדיקער מיליטערישער פעאיקייט, אָפּגע־שטויסן די אָנגריפן און פאַרשאַפט די אַראַבער הונדערטער פאַרלוסטן. זיי האָבן אויך נישט איין מאָל אָנגעגריפן די אַראַבישע טראַנספּאָרטן צווישן חברון און ירושלים.

ענדלעך איז דער גוש געפאַלן אין לאַנגדויערנדיקן פאַר־מעסט מיט נישט־גלייכע כוחות — אין וועלכע עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אויך געפאַנצערטע איינהייטן פון לעגיאָן און דייטשע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע האָבן דעזערטירט פון זיי־ערע לאַגערן אין עגיפּטן. מיט זייער בלוט און קרבנות האָבן די פאַרטיידיקער פון גוש געבונדן אַ סך כוחות פון שונא, וועלכע זיינען געווען באַשטימט צום אָנגריף אויף ירושלים.

דער גורל פון דער שלאַכט איז אַנטשידן געוואָרן דאָנערשטיק, דעם 13־טן מאַי. די אַראַבער האָבן קאָנצענטרירט זייער הויפּט־באָמ־באַרדירונג אויף חירבת זכריה, וואָס איז באָמבאַרדירט געוואָרן

אומאויפהערלעך פון פינף אין דער פרי ביז 11 פאַר מיטאָג, באַגלייט דורך אַ סך פרווון פון אַן ענדגילטיקן שטורם. אַלע אָנגריפן זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן דורך די פּאַרטיידיקונגס־כוחות פון דער פּאָזיציע. פונעם אויסשפּיר־פּונקט האָט מען באַמערקט ריזיקע כוחות פון שונא, מיט טאַנקען און האַרמאַטן, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צום אָרט וואָס הייסט דער „בוים־בערגל״.

עס איז גלייך ראַדיאָגראַפיש געפאָדערט געוואָרן הילף. זיבן מינוט נאָכן הילף־רוף איז אָנגעקומען אַן אַעראָפּלאַן וואָס האָט באָמ־באַרדירט די פּאָזיציעס פון שונא. דערווייל זיינען אויך אָנגעקומען צענדליקער אַראַבישע לאַסט־אויטאָס, פול מיט באַוואָפנטע רויבער, גרייט צום וואַרפן זיך אויפן רויב. די אויטאָס זיינען געפאָרן אין דער ריכטונג פון כפר עציון, וואָס דער שונא האָט איינגעבראָכן זיינע פּאָזיציעס. 150 מאַן, מענער און פרויען, האָט כפר עציון געציילט אין אָנהויב פון אָנגריף. ווי עס ווייזט אויס, זיינען אַלע אומגעקומען אין העלדישן קאַמף. צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג האָבן זיך באַוויזן אַ סך אַראַבישע לאַסט־אויטאָס, ווי זיי פאָרן אַרויס פון כפר עציון אָנגעלאָדן מיט רויב. געפאַנגענע זיינען נישט גענומען געוואָרן.

פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט דער שונא באַנייט זיין פאַרבי־טערטן אָנגריף אויף חירבת זכריה, מיט אַ שפע פון האַרמאַטן, טאַנקען און געפאַנצערטע אויטאָס. צוויי פאַנצערס זיינען צעשמעטערט געוואָרן דורך די פאַרטיידיקער. די אַראַבער האָבן זיך צוריקגעצויגן צו דעם „בוים־בערגל״. אויפן אָרט האָט זיך באַוויזן אַ ווייסער דזשיפּ. אין אים איז געפאָרן אַן אייראָפּעער, ווייזט־אויס דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון אָנגריף, און מיט שאָסן געצוואונגען זיינע מענטשן זיך אומקערן, אָנגרייפן און ליקווידירן די יידישע פּאָזיציע. דער אַראַבישער אָנגריף האָט געדויערט ביז נאַכט. פון מאָל צו מאָל האָבן זיך באַוויזן יידישע אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן באָמבאַרדירט די קאָנצענטראַציעס פון די אָנגרייפנדיקע אַראַבער. אַ סך אַראַבישע לאַסט־אויטאָס אויפן שאָסיי זיינען געטראָפן געוואָרן.

*

פרייטיק דעם 14־טן מאַי, 8 אַ זייגער אין אָוונט, האָט די קאָמאַנדירונג פון אָרט באַשלאָסן צו ווענדן זיך מיט אַ בקשה וועגן וואָפנשטילשטאַנד. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו קומען אין קאָנטאַקט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן „רויטן קרייץ" און מיט דער אַראַבישער קאָמאַנדירונג נאָכדעם ווי דער באַשלוס וועט באַשטעטיקט ווערן אין ירושלים. די מענטשן האָבן רוהיק געוואַרט אויף דער אַנטשיידונג וועגן זייער גורל.

2 אַ זייגער ביינאַכט איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון ירושלים, אַז עס איז באַשלאָסן געוואָרן וועגן וואָפנשטילשטאַנד לויט פאָלגנדיקע באַדינגונגען:

אַלע פאַרוואונדעטע, געהרגעטע און פרויען דאַרפן תיכף איבער־געפירט ווערן קיין ירושלים; אַלע געזונטע מענער וועלן גיין אין געפאַנגענשאַפט, מיט זייערע וואָפן און אַמוניציע.

*

פרייטאָג אין דער פרי, זיינען אויפן אָרט אָנגעקומען די פאָרשטייער פון „רויטן קרייץ" — צוויי שווייצאַרן, אַ יידישער און אַראַבישער דאָקטאָר און 3 אַראַבישע אַמבולאַנס־שאָפערן. אַ אויטאָ פון „רויטן קרייץ" איז צוגעפאָרן צו עין צורים, ווו עס האָט זיך געפירט דער ענדגילטיקער משא־ומתן וועגן וואָפנשטילשטאַנד. די לעבנגעבליבענע מענטשן פון גוש האָבן דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט זיך אונטערגעבן דעם רעגולערן מיליטער פון אַראַבישן לעגיאָן — און נאָר אים וועלן זיי אָוועקגעבן די רעשטן פון זייערע וואָפן, ווייל די אַראַבישע מאַסע, וואָס האָט געציילט עטלעכע טויזנט מאַן, איז עלול זיך ביטער אָפרעכענען מיט די געפאַנגענע, אויב די יידן וועלן אויסגעליפערט ווערן לעבעדיקערהייט אין זייערע הענט.

דער משא ומתן האָט זיך נאָך געפירט, ווי עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די אַראַבער זיינען באַפאַלן די פאַרטיידיקער פון חירבת זכריה און אַז אין רעזולטאַט פון דעם נידערטרעכטיקן אָנפאַל זיינען דערהרגעט געוואָרן עטלעכע פאַרוואונדעטע. אויף דעם סמך פון דער ידיעה, האָבן די פאַרטיידיקער דערקלערט דעם פאָרשטייער פון

„רויטן קרייץ", אַז זיי וועלן קאַפּיטולירן נאָר צום רעגולערן מיליטער. די פֿאָרשטייער פֿון „רויטן קרייץ" האָבן באַשטעטיקט זייער שטעלונג. דערווייל איז אָנגעקומען נאָך אַ ידיעה, אַז די לאַגע פֿון די פֿאַר־וווּנדעטע האָט זיך פֿאַרערגערט, און אַז עס איז נויטיק אַ דרינגענדע הילף און מען מוז זיי ברענגען קיין עין צורים. דער אַראַבישער דאָקטאָר האָט צוגעזאָגט באַזוכן די פֿאַרוווּנדעטע.

*

דער אַראַבישער דאָקטאָר, צוזאַמען מיט אַן אַראַבישן פֿעלד־שער, דריי אַראַבישע שאָפֿערן און צוויי פֿאָרשטייער פֿון די לעבן־געבליבענע פֿאַרטיידיקער, (חברים פֿון דעם קיבוץ פֿון הפּועל המזרחי עין צורים) יוסף ריבאַק און ישעיהו טייטלבוים זיינען אַוועק אין דער ריכטונג פֿון דער חירבת זכריה פּאָזיציע. די גרופּע איז אָנגעקומען אויפֿן אָרט אונטער אַ האָגל פֿון קוילן, טראָצדעם וואָס די אַראַבער זיינען געווען געקליידעט אין ווייסע שירצן און די יידן האָבן געטראָגן לענטעס פֿון „רויטן קרייץ". זיי האָבן געטראָפֿן דעם קאָמאַנדיר פֿון דער פּאָזיציע און אים דערקלערט, אַז זיי זיינען געקומען ברענגען מעדיצינישע הילף און אַרויסנעמען די פֿאַרוווּנדעטע. ער האָט גע־ענטפֿערט, אַז ער קען מער נישט האַלטן דעם אָרט, ווייל די אַראַבער האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער פּאָזיציע בעת עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן וואָפֿנשטילשטאַנד.

דאַן איז געקומען אויפֿן אָרט דער שייך פֿון חברון און אַ פֿאַליציי־אָפֿיציר. דער אָפֿיציר האָט געפּרוווּט פֿונאַנדעריאָגן די מאַסע דראָענדיק צו שיסן פֿון רעוואָלווער. די מאַסע האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. דערווייל איז אָנגעקומען אויפֿן אָרט דער לייטער פֿון „רויטן קרייץ" מיט די צוויי שווייצאַרן פֿון עין צורים. זיי זיינען אויפֿגעפּאָדערט געוואָרן צו דערווייטערן די מאַסע און דערמעגלעכן דאָס אַריבערפֿירן פֿון די פֿאַרוווּנדעטע. דער אַראַבישער דאָקטאָר איז אַוועק צום „בוים־בערגל" ברענגען טראָג־בעטלעך און אַן אַמבולאַנס. צוזאַמען מיט אים זיינען אַוועק יוסף ריבאַק, טייטלבוים און ביגאַנסקי, דער קאָמאַנדיר פֿון דער חירבת זכריה פּאָזיציע.

אַ פּאָר מעטער פֿאַרן „בוים־בערגל״ האָט אַן אַראַבישע מאַסע באַפֿאַלן די גרופּע און געפּרוּווט אַראָפּרייסן פֿון ריבאַקן זיינע קליידער. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט מיט כּוח — און אויף דער גרופּע איז אַראָפּ אַ זאַלפּ פֿון ביקסן־און מאַשינען־געווער־קוילן. דער אַראַבישער דאָקטאָר איז שווער פֿאַרווונדעט געוואָרן און אויך טייטלבוים. ביגאַנסקי איז נעלם געוואָרן און זינט דאַן ווייסט מען נישט, וואָס ס׳איז געשען מיט אים. ווי ריבאַק, אַזוי איז אויך ער, געווען אַרומגערינגלט מיט מאַסן צעיושעטע אַראַבער. טייטלבוים איז פֿאַרווונדעט געוואָרן אין בויך און ריבאַק האָט אים באַנדאַזשירט. ער האָט געבעטן פֿון די אַראַבישע שאָפֿערן ברענגען צוויי טראָג־בעטלעך און אַריבערפֿירן דעם דאָקטאָר און טייטלבוימען אין אַמבולאַנס אַריין. צוזאַמען מיט די צוויי פֿאַרווונדעטע איז ער אַריין אין אַמבולאַנס — און אַזוי־אַרום זיך געראַטעוועט.

*

אָבער ריבאַקן איז באַשערט געווען אויסצושטיין נאָך ביטערע נסיונות. עס האָט זיך פֿאַרענדיקט דער משא ומתן וועגן דער קאַפּי־טולאַציע פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿון גוש, און דער אַראַבישער לעגיאָן איז געווען געצוווּנגען צו שיסן קודם איבער די קעפּ פֿון דער אַראַבישער מאַסע און דאַן אין איר, כּדי צו דערמעגלעכן אַריבער־צופֿירן די געפֿאַנגענע אין זיינע אויטאָס, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון די „רויטן־קרייץ״־פֿאַרשטייער. די אַראַבישע מאַסע האָט געפֿאָדערט מען זאָל איר אויסליפֿערן די געפֿאַנגענע. נאָך אַ קורצער שלאַכט מיטן לעגיאָן, זיינען די געפֿאַנגענע צענויפֿגענומען געוואָרן אין אָפֿענע אויטאָס — און די שווער־פֿאַרווונדעטע זיינען אַריבערגעפֿירט געוואָרן אין רעגירונגס־שפּיטאָל אין בית לחם. די געפֿאַנגענע האָט מען אַוועקגעפֿירט קיין יריחו. אויך דאָ האָט אַן אַראַבישע מאַסע געפּרוּווט לינטשן די געפֿאַנגענע. דער אַראַבישער לעגיאָן האָט פֿאַרטיידיקט זיינע געפֿאַנגענע. ענדלעך זיינען די פֿאַרווונדעטע אַריבערגעפֿירט געוואָרן קיין עבר הירדן. די מיידלעך און פֿאַר־ווונדעטע — אין דער פּאָליציי־פֿעסטונג אין בית לחם (אין אַ פּאָר מאָנאַט אַרום זיינען זיי באַפֿרייט געוואָרן).

די אָפּעראַציע „נחשון"

די „נחשון"־אָפּעראַציע איז געווען אַ ריזן־שפּרונג אויף אונזער וועג צו אַ רעגולערער אַרמיי. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער הגנה איז אויסגעשטאַלטעט געוואָרן אַ קאַמף־פאָרמאַציע פון אַזאַ פאַרנעם.

די אַקציע איז אויסן געווען דורכברעכן אַ וועג קיין ירושלים דורך דער דעראָבערונג פון די וויכטיקסטע סטראַטעגישע פּונקטן. זי איז באַקרוינט געוואָרן מיט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. די סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן האָבן אַנטפּלעקט אַ קאַמפּס־און פּלאַנירונגס־פעאיקייט, וואָס קען זיך פאַרמעסטן מיט די בעסטע אייראָפּעישע אַרמייען.

די „נחשון"־אָפּעראַציע איז געווען אַ אַנטשיידנדיקע ווענדונג אין דער שלאַכט פאַר דער קאָמוניקאַציע, און אפשר אין דער גאַנצער מלחמה — לעגענדעס וועלן נאָך דערציילט ווערן וועגן אירע געוואַגטע דערגרייכונגען.

דעם 3־טן אַפּריל האָבן הגנה־אָפּטיילונגען דעראָבערט דעם דאָרף קאַסטעל. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין אים, אים איינגענומען, פאַרנומען פּאָזיציעס און זיך אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן אין אים.

„מיר זיינען אַרויס צום אָנגריף אין מיטן נאַכט — האָט דערציילט דער קאָמאַנדיר. ידיעות זיינען דערגאַנגען צו אונז, אַז אַ שטאַרקע אַראַבישע באַנדע גרייט זיך פאַרנעמען דעם דאָרף און אָפּשניידן דעם אָפּשניט פון שאָסיי צווישן קרית ענבים און ירושלים. מען האָט עס געמוזט פאַרמיידן. אין די פרימאָרגן־שעהן זיינען מיר שוין געשטאַנען ביי די גרענעצן פון דאָרף.

לויטן פּלאַן האָבן מיר געדאַרפט תחילת פאַרנעמען דעם העכסטן הויז פון דאָרף. זיין דעראָבערונג האָט געזיכערט די הערשאַפט איבערן גאַנצן דאָרף. אונטער דער דעקונג פון אַ געדיכט פייער האָבן אונזערע סאַבאָטאַזש־גרופּן מאַרשירט פאָרויס. אין פרימאָרגן איז זיי געלונגען אַריינדרינגען אין דאָרף און אויפרייסן דאָס הויז. אַ סך

שאָסן זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף אונז אין פאַרלויף פון דער שלאַכט פון דער ריכטונג פון די נאָענטע שטיינהאַקערייען, ווו דער שונא האָט זיך פאַרפעסטיקט. מיר האָבן נישט געענטפערט מיט פייער, נאָר זיך אַ לאָז געטון אויפן דאָרף, דורכגעזוכט די הייזער, און אונזער כוח אין דאָרף האָט זיך אָרגאַניזירט צו אַ קאָנצענטריר־שער פאַרטיידיקונג. די באַנדעס וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין קאַסטעל און אין די שטיינהאַקערייען האָבן זיך צוריקגעצויגן.

דער ערשטער קאָנוואָי

די דעראָבערונג פון קאַסטעל האָט געדינט ווי אַ צייכן צו אַ גרויסער אָפּענזיווע קעגן די קאָנצענטראַציעס פון שונא אויף די וועגן און שאָסייען וואָס פירן קיין ירושלים. דער באַפעל פון „נחשון־שטאַב", פון 5־טן אַפּריל, האָט געלויטעט:

„די קאָמאַנדירונג אויפן גאַנצן שאָסיי־אָפּשניט ירושלים —חולדה גייט איבער צום קאָמאַנדיר פון דער אַקציע „נחשון".

קעמפער! דער שונא האָט בלאָקירט ירושלים, כדי זי אויסהונגערן און ברענגען צו קאַפּיטולאַציע די יידן פון אונזער הויפּט־שטאָט און אירע פאַרטיידיקער. ירושלים איז געווען און וועט בלייבן יידיש — און מיר זיינען אירע פאַרטיידיקער".

דעם 6־טן אַפּריל, אַ מינוט נאָך האַלבער נאַכט, איז אַרויס דער ערשטער קאָנוואָי פון אויטאָבוסן, אין דער ריכטונג פון חולדה קיין ירושלים... פאַרן אַרויספאָר האָבן אונזערע אָפּטיילונגען אָנגע־הויבן אַן אָנגריף אויף די אַראַבישע דערפער חולדה, דיר־מוחזיין און סיידון אין דער ריכטונג פון לאַטרון. איינס אַ זייגער ביינאַכט האָט דער שונא אָנגעהויבן אָנצוגרייפן פונדאָסניי דעם קאַסטעל.

פון 1.20 ביינאַכט האָט דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט פון דעם קאָנוואָי מודיע געווען: „מיר זיינען אַריבער לאַטרון, געפינען זיך אויפן הויפּט־שאָסיי, דער אַוואַנגאַרד האָט דערגרייכט שער הגיא,

בלויז איינצלנע שאָסן זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף אונז, מיר באַוועגן זיך פאָרויס".

אין דער זעלבער צייט האָט דער שונא קאָנצענטרירט די מערהייט פון זיינע כּוחות אינם אָנגריף אויפן קאַסטעל. 3 בייגאַכט האָט די ראַדיאָ־סטאַציע פון „נחשון"־שטאַב אויפגעכאַפּט פאָלגנדיקן רוף: „די לאַגע אין קאַסטעל איז קריטיש. די אַראַבער אַטאַקירן די שטיינהאַקערייען. עטלעכע אַראַבער געפינען זיך שוין גאָר נאָענט. ס'איז דרינגענד נויטיק הילף".

און דערווייל איז דער קאָנוואָי אָנגעקומען בשלום קיין מעלה החמשה.

נעבן־אָנגריפן

פּאַראַלעל צום אָנגריף אויפן קאַסטעל האָט זיך געצויגן אונזער אָנגריף אויפן אַראַבישן דאָרף חולדה. 4 פאַרטאָג איז אָנגעקומען די ידיעה: „מיר זיינען אַריין אין דאָרף. מיר פאַרנעמען אין אים סטראַ־טעגישע פּאָזיציעס. דער דאָרף איז אין אונזערע הענט".

שווערער איז געווען די לאַגע פון דער הגנה־אָפּטיילונג, וואָס איז אַרויס יענע נאַכט איינעמען דעם אַראַבישן דאָרף דיר־מוחזיין. „דער קאַמף איז אין סאַמע ברען, דער שונא ווייזט אַרויס אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד" — איז געמאָלדן געוואָרן צום „נחשון"־שטאַב. אַ קורצע צייט נאָכדעם: „אַראַבישע גרופּן אַנטלויפן אויפן וועג פון דיר־מוחזיין. אַ גרוס פון אונזערע מענטשן אין חולדה. זיי באַפעסטיקן זיך אויפן אָרט". סיידון איז איינגענומען געוואָרן אָן ווידערשטאַנד.

דער יידישער קאָנוואָי האָט זיך באַוועגט ווייטער קיין ירושלים. 5 פאַרטאָג האָט דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט מודיע געווען: „מיר באַוועגן זיך קיין ירושלים אָן שטערונגען. איך חזר איבער: „מיר באַוועגן זיך קיין ירושלים אָן שטערונגען. מיר געפינען זיך 5 קל"מ פאַרן אַריינגאַנג אין שטאָט. איך חזר איבער: מיר געפינען זיך 5 קל"מ פאַרן אַריינגאַנג אין שטאָט".

און ווידער זיינען געקומען הילף־רופן פון קאַסטעל. עס איז געווען אַ שווערער און אכזריותדיקער קאַמף. דער שונא האָט קאָנצענטרירט שטאַרקע כוחות. כוואַלעסוויז האָט געברויזט זיין אָנגריף. פאַרטאָג זיינען אונזערע אָפּטיילונגען געצווונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן די שטיינהאַקערייען.

געשפּאַנטע שעהן אינם „נחשון"־שטאַב. דער קאָנוואָי זעצט פאָר זיין וועג קיין ירושלים מיט פאָרזיכטיקייט אָבער זיכער, גייט פאַרביי צווי טיפּע אויסגראָבונגען, און 9.42 מעלדעט דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט: „דער קאָנוואָי מיט זיין גאַנצן טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען בשלום קיין ירושלים. 2 לאַסט־אויטאָבוסן וואָס זיינען קאַליע געוואָרן אויפן וועג, זיינען געבליבן אין קרית ענבים".

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז אָנגעקומען די מעלדונג פונם ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט וואָס האָט זיך באַוועגט מיט אונזערע אָפּטיילונגען פון דער ריכטונג דיר־מוחזיין: „מיר האָבן איינגענומען דעם דאָרף, דיר מוחזיין איז אין אונזערע הענט, דער שונא איז צוריקגעטראָטן. מיט מינען־וואָרפער־פייער האָבן מיר צעשטערט צוויי פאַנצער־אויטאָס פון שונא ביי וואַדי סאַראַר. ווייזט־אויס אַן עיראַקישע פאַרשטאַרקונג".

און דערווייל אַרבעט אויס דער „נחשון"־שטאַב דעם פּלאַן פון צוריקפירן דעם אויטאָבוסן־קאָנוואָי קיין תל אביב, כדי צו ברענגען אַ נייעם שפּייז־און פּראָדוקטן־טראַנספּאָרט קיין ירושלים. דער באַשלוס פון שטאַב האָט געלויטעט: „דער קאָנוואָי דאַרף פאַרלאָזן ירושלים דעם 8־טן אַפּריל, 3 אַ זייגער ביינאַכט".

דער גאַנצער מיטוואָכדיקער טאָג, דעם 7־טן אַפּריל, איז פאַרביי אויף אויסשפּירונגען, פאַרפעסטיקונגס־אַרבעטן און צוגרייטונגען.

אין דער פרי האָט דער שונא אָנגעגריפן מיט באַנייטע כוחות דיר־מוחזיין. אַלע אָנגריפן זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן, הגם ס׳איז אים געלונגען איינעמען אַ טייל פון דאָרף. אין אַ קעגן־אָנגריף האבן מיר אַרויסגעשטויסן דעם שונא. אונזערע פאַרלוסטן: 2 געהרגעטע

און 2 שוואַר־פֿאַרוואונדעטע. דאָס בריטישע מיליטער האָט זיך אַרײַנ־געמישט — און מיר האָבן פֿאַרלאָזן דעם דאָרף.

דער צווייטער קאַמף אויפֿן קאַסטעל

דער שונא האָט באַנייט זײַן אַנגריף מיט שטאַרקע כוחות. איבער 500 אַראַבער האָבן געשטורעמט דעם דאָרף. ס'איז געווען אַ שווערער קאַמף און אונזערע מענטשן האָבן געליטן פֿאַרלוסטן. 10 זײַנען דערהרגעט געוואָרן, 14 פֿאַרשוווּנדן און 15 פֿאַרוואונדעט. די לאַגע איז פֿון מינוט אויף מינוט געוואָרן קריטישער. ס'איז געווען דרינגענד נויטיק אַ פֿאַרשטאַרקונג. די קעמפֿער זײַנען געווען מיד; די אַמוניציע איז אויסגעגאַנגען — און דער שונא האָט עקשנותדיק אָנגעגריפֿן. אַלע אָנגריפֿן זײַנען זײַנען אָפּגעשטויסן געוואָרן. אָבער דער שונא וואָס איז געווען באַוואָפֿנט מיט אויטאָמאַטיש געווער, און וואָס פֿלעגט כסדר באַקומען פֿאַרשטאַרקונגען אין מענטשן און וואָפֿן פֿון די אַרומיקע אַראַבישע דערפֿער האָט געריכטעט אויפֿן דאָרף דעם גאַנצן כוח פֿון זײַן פֿייער. נאָכן צוריקטריט האָט דער קאָמאַנדיר געשילדערט דעם אָנגריף פֿון שונא מיט פֿאָלגענדיקע ווערטער:

„דאָס איז געווען אַן איבערוויגנדיקער און שטייגנדיקער כוח, נישט אין פֿאַרגלײַך מיט אונזערע אָפּטיילונגען. ער האָט באַנוצט אַן אַ שיעור אויטאָמאַטישע וואָפֿן און געשאָטן אומאויפֿהערלעך מיט אַ האָגל פֿון בלײַ; אַזוי־ווי זײַן אַמוניציע וואָלט געווען אָן אַ גרענעץ".

מיטאָג־צײַט האָט דער „נחשון"־שטאַב אויפֿגעכאַפּט אַ הילף־רוף: „די לאַגע איז קריטיש, שיקט תיכף הילף. פֿון דרום־זײַט פֿון קאַסטעל האָבן זיך באַוויזן פֿײַנטלעכע קאָנצענטראַציעס. די שטיינהאַקערייען זײַנען דורך אונז פֿאַרלאָזן געוואָרן".

ביז מיטן נאַכט האָבן אונזערע מענטשן אויסגעהאַלטן. און דאַן איז אָנגעקומען די מעלדונג:

„מיר זײַנען געצוווּנגען אָפּטרעטן. דער קאַסטעל איז אײַנגענומען געוואָרן דורך הונדערטער אַראַבער".

אין דעם קאַמף איז געפאַלן דער אַראַבישער קאָמאַנדיר עבדול־אל־קאדר הוסייני.

דער צוריקטריט איז געווען פאַרבונדן מיט אומגעהויערע שוועריקייטן. דער שונא האָט זיך שנעל דערנענטערט צו די אויסגעמאַטערטע פאַרטיידיקער — און זיין פייער איז כסדר פאַרשטאַרקט געוואָרן. אין דידאָזיקע שעהן זיינען פאַרוווּנדעט געוואָרן עטלעכע פון אונזערע מענטשן און 18 פאַרטיידיקער זיינען געפאַלן אין שלאַכט.

מיט דער דעראָבערונג פון קאַסטעל דורך די אַראַבער, איז פאַקטיש געשלאָסן געוואָרן דער שאָסיי קרית ענבים — ירושלים.

די אַראַבער האָבן דאַן געמאַכט אַ שווערן אָנגריף אויף ארזה און מוצא. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז מען מוז פונדאָסניי דעראָבערן דעם קאַסטעל פאַרן יעדן פרייז.

דעם 9־טן אַפריל, אין די פרימאָרגן־שעהן, איז דער קאַסטעל אָנגעגריפן געוואָרן דורך אונזערע כוחות מיט מינען־וואַרפער און מאַשינען־געווער. אונזערע אָפּטיילונגען האָבן פאַרנומען אויסגאַנגס־פּאָזיציעס צום אָנגריף פון דריי ריכטונגען. די כוחות זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן קענען דינען סיי צום אָנגריף און סיי צו דערמעגלעכן אַ זיכערן וועג פאַרן קאָנוואָי, אין פאַל ווען דער קאַסטעל וועט נישט דעראָבערט ווערן.

דער קאַסטעל איז איינגענומען געוואָרן — און דער קאָנוואָי איז אַדורך. עס איז געווען איינער פון די געוואַגטעסטע אַקטן פון דער מלחמה.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די אַראַבער קאָנצענטרירן ווידער גרויסע כוחות לעבן דאָרף בית סוריק, באַוואָפנט מיט פאַנצער־אויטאָס און פעלד־האַרמאַטן. קאַוקדזשיס כוחות ווילן ראַטעווען דעם כבוד פון די אַראַבער.

די ענטגילטיקע דעראָבערונג פון קאַסטעל האָט געעפנט אַ נייעם עטאַפּ אין דער מלחמה.

אָבער קיינער האָט זיך נישט געמאַכט די אילוזיע, אַז דער

שונא האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע פּלענער, און אַז ער וועט נישט באַנייען זיינע אָנגריפן.

דעם 12־טן אַפּריל האָט דער קאָמאַנדיר פון דער „נחשון" אָפּעראַציע רעזיומירט די לאַגע אין פאָלגנדיקע ווערטער :

„דער שונא האָט געליטן אַ שווערע מפּלה, און ער וועט זיך איצט באַמיען צו דערגרייכן אַן ערפאָלג אויף אונזער אָפּשניט. מיר מוזן, דעריבער, פאַרזעצן אונזער אָנגריף און נישט דערמעגלעכן, אַז ער זאָל זיך אָרגאַניזירן פונדאָסניי. אונזערע זיגרייכע אָפּטיילונגען זיינען ראוי, אַז זיי זאָלן באַקומען אָפּרו און אורלויב ; אין אַ רעגולערע אַרמיי וואָלט מען געוויס אַזוי געהאַנדלט. אָבער מיר קענען זיך נישט דערלויבן אַזאַ „לוקסוס". מיר מוזן ווייטער שלאָגן דעם שונא. ווען ס׳וועט ווערן רוהיק אין לאַנד, וועלן אויך מיר זיך אָפּרוהען. נאָך היינט בייינאַכט וועלן אונזערע אָפּטיילונגען אָנגרייפן דעם אַראַבישן דאָרף קאָלאָניא".

צוויי אַ זייגער בייינאַכט האָבן אונזערע שווערע מינען־וואַרפער אָנגעגריפן דעם דאָרף. דריי אָפּטיילונגען האָבן זיך אין אים אַריינגעריסן ביי אַ קעגנזייטיקער דעקונג. נאָכדעם ווי עס זיינען דעראָבערט און באַהערשט געוואָרן עטלעכע געביידע־בלאָקן, האָבן מיר זיך אַריינגעריסן אין דאָרף אַליין און אים „אויסגערייניקט". בעתן אויפרייסן איין געביידע, האָבן מיר געהערט געשרייען אין ענגליש — אַן ענגלישער דעזערטיר האָט דאָרט, ווייזט אויס, געפונען זיין טויט. מיר האָבן דערהרגעט 12 פרעמדע אַראַבער וועלכע מיר האָבן געטראָפן אין דאָרף, אויפגעריסן די ברונעמס, צעשמעטערט און פאַרברענט איבער 80 הייזער. מיטאָג־צייט האָבן מיר זיך אומגעקערט צו אונזער באַזע באַלאָדן מיט אַ שלל אַמוניציע און וויכטיקע דאָקומענטן.

דער דאָרף האָט געדינט אַלס באַזע פאַר פרעמדע אַראַבער, וועלכע האָבן געלייגט מינעס אויפן ירושלימער שאָסיי און אַלס אויסקוק־פּאָזיציע פאַר די האַרמאַטן וועלכע האָבן באָמבאַרדירט

מוצא. די דעראָבערונג פון דאָרף, זיין פאַרבערענונג און פאַרניכטונג, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דער אַראַבישער באַפעלקערונג וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין דער געגנד.

אַקציעס לענג־אויס דעם וועג

בעתן קאַמף אין קאַלאַניא, האָבן אַנדערע סאַבאָטאַזש־ און קאַמף־גרופן דורכגעפירט ברייט־פאַרצווייגטע אָפּעראַציעס פון אָנגרייפן און מינירן די אַראַבישע דערפער אין דער סביבה. אינם טאָג־באַפעל האָט עס געהייסן: „דער שונא טרעט צוריק. ער האָט געליטן אַ סך פאַרלוסטן״.

דערווייל איז פון דער העכסטער קאָמאַנדירונג אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן אַ קאָנוואָי, וואָס איז אַרויסגעפאָרן צו איר באַזע, און מען דאַרף זי צושטעלן צו איר ציל־פּונקט.

יענעם טאָג זיינען פון וואַדי־סאַראַר־לאַגער געשאָסן געוואָרן צווייפונטיקע שראַפּנעלן אויף דער קבוצה חולדה. קיינער איז נישט פאַרלעצט געוואָרן. מיר האָבן געענטפערט פייער און גורם געווען פאַרלוסטן דעם שונא.

אַן אַנדער אָפּטיילונג אונזערע איז אַרויס אָנגרייפן דעם דאָרף אבודזשאַז. די אָפּטיילונג האָט זיך דערנענטערט צום דאָרף אַ 50 מעטער, נישט ענטפערנדיק אויף דעם פייער פון די אַראַבער: זיי זיינען אַרויס פון די כּלים, באַלויכטנדיק דעם גאַנצן שטח מיט ראַקעטעס. אונזערע סאַבאָטאַזשניקעס האָבן זיך אָבער אַריינגעריסן אין דאָרף און אויפגעריסן די געביידעס פון וועלכע די אַראַבער האָבן געשאָסן.

דעם 14־טן אַפּריל האָבן מיר באַקומען באַפעלן ווידער אָנצוגרייפן דעם דאָרף וואַדי־דזשאַז, ווי אויך דורכפירן פאַרשידענע שעדיקונגס־אַקטן אינם מיליטערישן לאַגער וואַדי סאַראַר.

אינמיטן די שלאַכטן האָט דער „נחשון שטאַב״ באַקומען אַ באַגריסונג־טעלעגראַם פון דער העכסטער קאָמאַנדירונג פון דער „הגנה״ —

— מיר שיקן אייך אונזער ברכה, דערמוטיקונג און אנערקענונג פאר דער אנשטרענגונג, גבורה און מיליטערישער פעאיקייט, וואס די זעלנער און קאמאנדירן האבן אנטפלעקט אין די קאמפן פארן וועג קיין ירושלים. מיט געוואגטקייט, איניציאטיוו און אויסדויער וועלן מיר צעשמעטערן דעם שונא און דער ציל וועט דערגרייכט ווערן.

נאך 13 טעג פון אומאויפהערלעכע בלוטיקע קאמפן אין די דערפער און אויף די וועגן אין דער געגנט פון ירושלים, האבן די אפטיילונגען וועלכע האבן זיך געפונען אין דער באזע באקומען די ערשטע מעגלעכקייט פון א קורצן אפרו. דערווייל איז ארגאניזירט און דערפאלגרייך דורכגעפירט געווארן דער טראנספארט פון נאך א קאנוואי קיין ירושלים — און דערמיט האט זיך פארענדיקט די „נחשון אקציע".

לאטרון

די שלאכט פאר דער באפרייונג פון ירושלים וועט נישט אנטשידן ווערן אין אירע קווארטאלן, נאר אויף יענעם שמאלן אספאלט־פאס וואס הייסט: דער תל־אביב—ירושלים שאסיי. דער דאזיקער פשוטער אמת איז געוועזן קלאר פאר אלעמען זינט דעם אנהויב פון דער גרויסער שלאכט פאר דער באפרייונג פון ירושלים, וואס האט זיך אנגעהויבן דעם 15־טן מאי. זינט דאן האט זיך פארגאסן א סך בלוט און ס'האבן געבושעוועט אומאויפהערלעכע קאמפן. שוין אינם ערשטן טאג פון קאמף האט די הגנה דעראבערט די געוועזענע בריטישע געביטן און דאן — כמעט די גאנצע נייע שטאט. ווען נישט די אינטערווענץ פון אראבישן לעגיאן, וואלט שוין די גאנצע שטאט, צוזאמען מיט דער אלט־שטאט, געוועזן אין אונזערע הענט. אבער צוויי טעג שפעטער זיינען פון יריחו אנגעקומען די פאנצערס און די ארטילעריע פון לעגיאן, אין פארנעם פון בערך א בריגאדע, און

גענומען אויף זיך אַלע אויפגאַבן פון דער אַראַבישער שוץ אין דער געגנד.

און הגם די לאָגיק פון דער לאַגע האָט דיקטירט, אַז דער גורל פון דער שלאַכט פאַר ירושלים וועט אַנטשידן ווערן אויפן וועג, האָט אָבער דער שונא געהאַנדלט לויטן פּלאַן פון זיינע בריטישע אָפיצירן און זיך פאַרמאָסטן איינעמען די יידישע ירושלים אויפן אָרט, ד. ה. אין ירושלים גופא.

איצט מעג מען אויפדעקן די סטראַטעגישע פלענער פון שונא:

די ליגע האָט באַשטימט ירושלים אַלס דעם הויפּט־טרעף־פונקט צווישן די כוחות פון עבר הירדן און מצרים. דער שונא האָט זיך געשטיצט קודם כל אויף זיין אַרטילעריע. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אין געציילטע שעהן דעראָבערן די שטאָט. זיין פאַטאַלער טעות האָט זיך אין אים נוקם געווען. אויסער פאַרהעלטנישמעסיק קליינע פאַרלוסטן צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג, — האָט דער שונא נישט דערגרייכט קיין איינעם פון זיינע צילן.

אויפן פינפטן טאָג פון די שלאַכטן האָט דער געהיימער דינסט פון דער הגנה אויפגעכאַפּט אַ טעלעגראַם וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך דער קאָמאַנדירונג פון לעגיאָן קיין רבת עמון. אין דעם טעלע־גראַם האָבן די לעגיאָנערן געפאָדערט נייע אַמוניציע, ווייל דער רעזערוו פון שראַפּנעלן האָט זיך אויסגעלאָזן.

דער שונא האָט זיך איבערצייגט אין זיין טעות, אַז ער האָט נישט קיין שום אויסזיכטן איינצונעמען די שטאָט, וואָס די יידן זיינען גרייט זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ צווייטע סטאַלינגראַד.

און דעריבער טאַקע האָט דער שונא אָנגעהויבן איבערפירן זיינע עיקר־כוחות קיין לאַטרון און באַב־אל־וואַד (שער הגיא) — די שליסל־פונקטן פונם וועג תל־אביב—ירושלים. זיי פעסטיקן זיך איין אין די דערפער פון דער געגנד. דאָ האָבן אויך די יידן קאָנ־צענטרירט באַדייטנדיקע כוחות און געהאַט אויך ערשטע דערפאָלגן. שפּעטער איז געקומען דער וואָפנשטילשטאַנד — און די שלאַכטן זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן.

אייגענטלעך זיינען מקויים געוואָרן עבדאַללאַ׳ס ווערטער, וועלכע ער האָט געזאָגט אויסלענדישע זשורנאַליסטן: די יידן האָבן באמת באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען ירושלים אין אַ צווייטער סטאַלינגראַד.

דער „בורמא־וועג״

כ׳האָב מיך היינט אומגעקערט — דערציילט אַ מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט — פון אַ מי־פולע רייזע אויף אַ וועג, וואָס איז דער לעבנס־נערוו פון ירושלים. אויפן לעצטנס אויסגעפלאַסטערטן טייל שאָסיי, שטייען זינט די פרימאָרגן־שעהן פילם־פאָטאָגראַפן, אויס־לענדישע און מיליטערישע קאָרעספּאָנדענטן, און זיי זיינען פאַרטון אין דעם וואָס זיי רופן אָן „איינער פון די גרעסטע מלחמה־דערציי־לונגען״. און עס האַנדלט זיך וועגן דורכברעכן אַ וועג אין די בערג, וואָס דורך אים גייען קאָנוואָיען מיט שפייז און פּראָדוקטן קיין ירושלים, וואָס איז וואָכן־לאַנג געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פיינט־לעכער בלאָקאַדע.

עס איז אַ ניי הערויִש און מענטשלעך בלאַט אין דער גע־שיכטע פון אונזער מלחמה. דאָ זיינען געקומען צום אויסדרוק די דערהויבענסטע אייגנשאַפטן פון אונזער יוגנט, וואָס האָט מיט איבער־מענטשלעכע כוחות דערפילט איר פליכט אין אומגעוויינלעכע באַדינ־גונגען, אָפט אונטער אַ שווערן האַרמאַטן־פייער פון שונא.

כ׳בין געפאָרן פון אַ פאָדערשטער פּאָזיציע מיט אַן אויטאָ, ווי אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן געפירט זעקלעך מעל און אַנדערע פּראָ־דוקטן. יעדע טאַקסי וואָס פאָרט פאַרביי אויף דעם וועג מוז מיט־נעמען לכל הפחות איין זאַק מעל — וואָס און וועמען זי זאָל נישט פירן.

די שאָפערן וויקלען זיך אַרום מיט פאַרביקע טיכער אַזוי ווי בעדואינער כדי זיך שיצן פאַר די כמאַרעס פון געדיכטן שטויב וואָס דרינגט אַריין אין מויל און אין די אויערן. זיי פירן מיט זיך פּריוואַט —

ביי יעדער געלעגנהייט — סיגאַרעטן און, בעיקר, שאָקאָלאַד פאַר די קינדער פון ירושלים.

דאָס איז אונזער וועג. דאָס מערקסטו נישט נאָר פון די אויטאָס וואָס פאָרן פאַרביי, נאָר אויך פון די שילדן אויף די ראַנדן פון וועג. דאָ באַפוילט די יידישע אַרמיי.

ווען דו קומסט אָן צום אָרט וואָס הייסט „דער באַרג־שפּיץ" — אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אַן אומפאַרגעסלעך בילד. עס איז האַלב נאַכט. אין ליכט פון דער לבנה זעסטו מענטשן וואָס קלעטערן ווי מוראַזשקעס מיט זעק אויף די פּלייצעס. אויף אַ געוויסן אָפּשניט קען דער אויטאָ אַ דורך לייכטער, ווען מען נעמט אַראָפּ פון דער משא. אָט דעם וועג מאַכן דורך די בחורים צופוס, טראַגנדיק זעק און קאַסטנס, אַ גאַנצע נאַכט. אַן אַמעריקאַנישער קאָרעספּאָנדענט, וואָס איז באַהאַוונט אין אַלע מלחמה־פראָנטן, האָט נישט געקענט באַהערשן זיינע געפילן. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ טרעגער, אים געדריקט די האַנט און אַ זאָג געטאָן: „ווויל דעם פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע זין".

דאָס עצם אויספּלאַסטערן דעם שאָסיי איז אַן העלדן־טאַט. מען האָט אָנגעהויבן דערמיט אין די טעג, ווען ס'האָבן געבושעוועט שווערע קאַמפן אין לאַטרון. אונזערע אינזשעניערן זיינען שוין דאַן געווען באַשעפטיקט מיט פעסטשטעלן די פּלעצער, דורך וועלכע דער נייער וועג וועט אַדורך. אויפן צווייטן טאָג זיינען אַהין אָנגעקומען יוגנטלעכע, באַוואָפנט מיט טראַקטאָרן און בולדאָזערן, און נאַכט נאָך נאַכט פאַרגעזעצט די אַרבעט. בייטאָג האָט מען נישט געקענט אַרבעטן צוליב דער היץ און די קאַמפן, וואָס האָבן זיך געפירט נישט ווייט פון דאָרטן. אָוונט־צו פלעגן זיי אַרויס צו דער אַרבעט, און אין די פריע פרימאָרגן־שעהן זיך אומקערן צו זייערע באַזעס. קליין איז געווען זייער צאָל, און גרויס די יאָך וואָס האָט געלאַסטעט אויף זייערע יונגע פּלייצעס.

דריי וואָכן האָט געדויערט די אַרבעט — און פאַר דער צייט האָט מען געפירט שפּייז קיין ירושלים אויף אַ נאָך שווערערן וועג.

מענטשן און מויל־אייזלען פלעגן אין מיטן נאַכט אַריבערפירן דורך די בערג די וויכטיקסטע שפּייז־ און אַמוניציע־טראַנספּאָרטן. און דאָס אונטערן שוץ פון די יידישע וואָפן. אונזערע סאָלדאַטן האָבן געהיט און היטן טאָג און נאַכט, עס זאָל זיך נישט אָפּשטעלן די אַרבעט און די באַוועגונג אויפן וועג. צוליב זיין אויסטערלישער שווערקייט און זיין געאָגראַפישער לאַגע — אין אַ ווילדעניש פון שטיין און פעלז — איז דער שאָסיי געקרוינט געוואָרן אין פאָלקס־מויל מיטן נאָמען „בורמא־שאָסיי".

אין מיליטער־לאַגער סאַראַפענד

„מיר האָבן אָנגעגריפן דעם אָרט ביינאַכט" — דערציילט איינער פון די בחורים, וואָס איז איצט דער קאָמאַנדיר פונם לאַגער. „נאָך אַ קורצן און פאַרביטערטן קאַמף זיינען מיר אַריינגעדרונגען אין דעם געביט און בליץ־שנעל אים באַהערשט. דער לאַגער איז זייער אַ גרויסער, און ס'זיינען נויטיק אַ סך כוחות אים „דורכצוקעמען". דאָס זאָגנדיק גיט ער אַרויס באַפעלן אויסצופירן פאַרשידענע פאַר־פעסטיקונגס־אַרבעטן. קורצע און קלאָרע באַפעלן.

אונזער באַזוך אין סאַראַפענד מאַכן מיר אין אַ ספּעציעלן מיליטערישן אויטאָ. עס איז אַ ריזיקער שטח, און צופוס איז נישט מעגלעך אים באַזוכן אין אַ קורצן צייט־אָפּשניט. און אָט פאָרן מיר אין אַ יידישן־מיליטערישן אויטאָ איבערן גרעסטן מיליטערישן לאַגער אין לאַנד, אין וועלכן אַ סך בחורים אונזערע האָבן דורכ־געמאַכט זייערע מיליטערישע איבונגען, ווען זיי האָבן זיך זיינערצייט מאָביליזירט צו דער יידישער בריגאַדע אין דער בריטישער אַרמיי...

אַלץ איז דאָ נאָך פאַרלאָזן. די אַלייען נישט געפלעגט. די בלומען־גאָרטנס אַרום די באַראַקן פון די הויכע אָפיצירן — ווילד פאַרוואָקסן. 30 יאָר זיינען די ענגלענדער געווען אין אָט דעם ריזיקן סאָלדאַטן־דאָרף.

מיר פאָרן אַרום איבער די געסלעך פון סאַראַפענד — און

יעדער איינער פון אונז איז פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען און זכרונות.

אַט איז דער גרויסער פּלאַץ. דאָ פלעגן יעדן מאָרגן איינגע־אָרדנט ווערן „פּאַראַדן" און „מאַרשן" — אַן וועלכן ס'איז נוצן און טעם — „זומער אין ווינטערדיקן מונדיר". און אַט איז... די תפיסה. פאַר וועלכע חטאים זיינען דאָ נישט געזעסן יידישע בחורים? קודם כל — פאַר זייער טרייהייט צו זייער פאָלק און לאַנד.

קוואַרטאַלן אַן אַ שיעור. דאָ האָבן געוווינט די בריטישע סערזשאַנטן. דאָרט — די אָפיצירן מיט זייערע משפחות. אין אַן אַנדער אָרט — סאָלדאַטן, סאָלדאַטן פון אַלע פעלקער און ראַסן.

מער ווי 30 טויזנט סאָלדאַטן האָבן דאָ געוווינט אין פרידנס־צייטן. אין קריגס־צייטן איז דאָ פאַראַן אָרט פאַר קרוב 60 טויזנט. און איצט גייען דאָ אַרום אונזערע בחורים. און די ליצני הדור זאָגן, אַז זייער ערשטע אויפגאַבע איז געווען כאַפּן די הונדערטער טויזנטער פונטן, וואָס די יידישע אַגענץ האָט געוואָלט אינוועסטירןביים קויפן דעם לאַגער... אויף זיין אינווענטאַר, געפלאַסטערטע שאָסייען, הייזער א.אַז.וו. א.אַז.וו.

„די אַראַבער און די ענגלענדער האָבן צעשפּרייט אַ סך מינעס אין דער געגנט — דערציילט דער קאָמאַנדיר. עטלעכע יידישע זעלנער האָבן שוין טייער באַצאָלט, ווען זיי האָבן געפּרוּווט דעמאָנטירן די מינעס. אָבער מיר האָבן זיך שוין באַקענט מיט דער געשטאַלט פון זייערע מינעס, — און מיר זיינען באַשעפטיקט מיט אָפּרייניקן דעם לאַגער פון זיי".

אין מיטן פון אונזער שמועס פאָרט פאַרביי אַן אויטאָ פון רויטן מגן דוד — מיט אַן האַלבער שעה צוריק איז אַ בחור אַרויף אויף אַ מינע און פאַרוווּנדעט געוואָרן. אויפן אָרט איז פאַראַן אַ גוט־אויסגעשטאַטע אַמבולאַטאָריע, וואָס ערטיילט שנעלע הילף.

אינצווישן האָבן געדונערט האַרמאַטן און אויפרייסן. מיר זיינען געווען אין אַ מרחק פון בלויז איין קילאָמעטער פון די ערשטע פראָנט־ליניעס.

„עס דונערט רמלה. פון רמלה הערט מען טאָג און נאַכט שיסע־רייען און אויפרייסן" — דערציילט אַ זעלנער. „יידישע כוחות זיינען טעטיק אין האַרץ פון שטאָט. די שלאַכטן זיינען שווערע, און די קאַמפן בושעווען טאָג און נאַכט. „מיר זיינען זיכער, אַז דער שונא וועט זיך שוין אַהער מער נישט אומקערן, אָבער לשם זיכערהייט באַפעסטיקן מיר דעם גאַנצן געביט".

מיר האָבן פאַרענדיקט אונזער באַזוך. ביים טויער פאַרהאַלט אונז אַ יידישער סאָלדאַט. מיר ווייזן אונזערע דאָקומענטן — און פאַרלאָזן דעם לאַגער.

אַ טאָג אין אבו־כביר *)

אין די נישט־אַספאַלטירטע גאַסן פון אַבו־כביר מערקן זיך נאָך די צייכנס פון דער גרויסער שלאַכט. די באַריקאַדעס פון איבער־געקערטע אויטאָס און אייזן־ברוך — דורכגעבראָכן. די הויכע ווענט פון זאַמד־זעק — צעשמעטערט. אויפן זאַמד וואַלגערן זיך שטיקער דראָט פון פעלד־טעלעפאָנען. בערגלעך פון ברוך ליגן ביים אַריינ־גאַנג פון די גאַסן און געסלעך. די פענצטערס פון די ביים פראָנט שטיין־געבליבענע הייזער זיינען אויפגעריסן.

יידישע סאָלדאַטן, מענער און פרויען, האַלטן וואַך. זיי האָבן געקעמפט ביז צום זיג. זיי האָבן דעראָבערט אַבו־כביר. צוויי בחורות גייען פאַרביי מיט אַ קויש —

שטיין! — באַפוילט די וואַך. וואָס טראָגט איר?

די בחורות זיינען אָנגעטון זאָקן־היטלען און הויזן. זיי בלייבן שטיין. זיי זיינען יידישע סאָלדאַטן. נעכטן האָבן זיי געטראָגן אין

*) אבו־כביר, — אַן אַראַבישער קוואַרטאַל פון יפו, וואָס גרענעצט זיך מיט דעם דרום־מזרחדיקן טייל פון תל אביב. במשך פון מאָנאַטן האָט דער קוואַרטאַל געדינט אַלס פאַרפאָסטן פון די אַראַבישע באַנדעס, וועלכע האָבן באַשאָסן תל־אביב און אָנגעגריפן אירע קאָמוניקאַציע־פאַרבינדונגען מיטן דרום.

קויש די פרוכט פון פּאַטערלאַנד — פּאָמידאָרן און גרינס. היינט זאַמלען זיי צענויף גרויע נישט־אויפגעריסענע האַנט־גראַנאַטן. זיי רייניקן אָפּ די וועגן פון מינעס און באָמבעס.

אין אבו־כביר זיינען נישט פאַראַן קיין סימנים פון לעבן. די מיל, די אייז־פאַבריק, די קראָמען און קאַפע־הייזער — צעשטערט און פאַרלאָזן. פון די הייזער הענגען אַרונטער שטיקער בעטאָן, לאָדנס, ליידיקע זאַמד־זעק, ווי שווערע קאַפּיטולאַציע־פענער. רעכטס — סאַלאַמע. לינקס — דער וועג קיין יפו. קיין צייכן פון לעבן. אָבער, ניין, אָט די נאָמענלאָזע פּוסטע גאַסן ציען זיך העט־ווייט, איבער די גרעניצן פון ארץ ישראל. עס זיינען די זעלבע שווידער־בילדער פון די פאַרשניטענע און צעשטערטע יידישע שטעטלעך אין פוילן...

פאַרזיכטיק! די טויערן פון די אַראַבישע הייזער — זיינען פאַרשלאָסן. אויף די ווענט שלענגלען זיך דראָטן פון פעלד־טעלע־פאָנען. רירט זיי נישט אָן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מינעס זיינען אָנגעבונדן אין זיי. קומט אַריין אין הויף אַריין, דורך איינבראָך פון אַ וואַנט. אַ טויט־שטילקייט און רוהיקייט. די גאָרטנס אַרום די הייזער בליען, די בלומען דופטן. לעבן שוועל וואַלגערן זיך ליידיקע בלעך־שאַכטלעך — „מייד אין אינגלענד”. ווי קומט בריטישע אַמו־ניציע אין אבו־כביר?

די טרעפּ פירן צו אַ דאַך פול מיט אויסגעשאָסענע קוילן און פּאַטראָנען מיט ענגלישע צייכנס אויף זיי. מיליטערישע בעטלעך און פעלד־גלעזער. אויף אַ שטול ליגט אַ מונדיר פון אַ בריטישן עלטערן סערזשאַנט. אויף איין האַרבל דער צייכן פון „סאַנט דזשאָרדזש”. דער צווייטער — דורכגעלעכערט מיט אַ קויל און איינגעפּלעקט מיט בלוט. אויפן טיש ליגט צעעפנט דער קאָראַן־בוך. די פּאָזיציע פון זאַמד־זעק איז געריכטעט צו תל־אביב, צו די פעסטונגען פון אַ הויז נישט ווייט פון דאַנען, פון וועלכן יידישע בחורים און מיידלעך האָבן פאַרטיידיקט זייער שטאָט, זייער קיום, זייער האָפנונג.

די דאָזיקע בחורים און מיידלעך געדענקען גוט די קאָשמאַר־פולע סצענעס פון מיידאַנעק און אוישוויץ. זיי זיינען לעצט־פאַר־

בליבענע רעשטן פון פלאָנסק, ראַדאָם, סאָקאָלאָוו, מעזריטש. זיי האָבן זיך דאָ פאַרפעסטיקט אין זייערע לעצטע פּאָזיציעס. מער איז זיי נישט פאַרבליבן. צוריקטריט — מיינט אומקום. אינם הויז פון עפענדי האָבן זיך קעגן זיי פאַרייניקט דער קאָראַן און סאַנט־דזשאָרדזש צייכן. און זיי האָבן במשך פון וואָכן איינגעהאַלטן דער־פאָלגרייך דעם אָנגריף. אַ טריט זיינען זיי נישט געגאַנגען צוריק. און איצט געפינען זיי זיך אין דעם דעראָבערטן אבו־כּביר.

אין אַ שכנותדיקן הויף הענגט אויף אַ טעלעפאָן־דראָט אַ בלוזע, וואָס עמעץ האָט זי אויפגעהאָנגען און נישט באַוויזן אַראָפּ־נעמען. אויפן קאָלנער פון דער בלוזע — דייטשע אותיות Eקש' G.M.B.H. Hamburg אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען פאַר מיינע אויגן די איינוויקלונג פון אַ קעסטל ציקלאָן־גאַז (מיט וועלכן מען האָט פאַרסמט די יידן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס), וואָס כ׳האָב באַקומען פון דעם לייטער פון מיידאַנעק־מוזעאום בעת מיין לעצטן באַזוך אין פוילן. דאָרט — דער גאַז און דאָ — דער גייסט פון דעמ־זעלבן פאַרשאָלטענעם דייטש. דער זעלבער בלוט־דורשטיקער רוצח. אין דער פאַרלאָזענער ווילע האָב איך געפונען דאָס בוך „קוואָ וואַדיס״ געדרוקט מיט גאָטישע אותיות. צווישן די צעוואָרפענע בילדער — אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יונגער דייטשקע לעבן אַן אַראַבישן יונגן מאַן. צעטלעך מיט דייטשער שריפט וואַלגערן זיך לעבן אַראַבישע אידענטיטעס־קאַרטן.

פונדאַנען איז פונאַנדערגעבלאָזן געוואָרן דער געמיינזאַמער דייטש־אַראַבישער פייער קעגן דער לעצטער פּאָזיציע פון דער יידישער יוגנט. אויך דאָ האָט דער מערדער געוועבט זיין פינצטערע אינטריגע וועגן „אויסזידלונגען״ און „געטאָס״ — וועגן פאַרניכטן תּל־אביב. דער וווּנדערבאַרער גייסט פון דער יידישער יוגנט האָט אָבער פאַריאָגט די דייטשע טומאה פון אבו־כּביר צוזאַמען מיטן אַראַבישן עפענדי.

און אַזוי הויז נאָך הויז. אומעטום זעסטו די פאַרבליבענע סימנים פון דעם נידערטרעכטיקן געמיינזאַמען פאַרמעסט פון איסלאַם, סאַנט־

דזשאַרדזש און פּריץ פון האַמבורג — קעגן דער יידישער שטאַט.

פונוואַנען האָט די יידישע היימאַטס־דורשטיקע יוגנט געשעפּט דעם ריזיקן כוח? האָבן דאָך אירע עלטערן נישט געהאַלטן קיין ביקס אין האַנט!

און אָט בין איך אין אַ ווילע, הינטער אַ באַריקאַדע, ביים זייט פון אַ שיין געפלעגטן בלומען־גאָרטן. הויפנס מיסט און קאָנסערוון־פּושקעס. אַ הונגעריקע קאַץ לויערט אויף מיר מיט אירע אויגן. די צימערן ליידיק. מיליטערישע בעטלאַך, קאָניאַק־פלעשער, מלחמה־מכשירים. אויף די ווענט — ביקסן מיט יוגאָסלאַווישע אויפשריפטן: פּעטראָוויטש, שעוויטש, און זייער געבורטס־עלטער: 1912, 1910, 1914. אומעטום קוילן און פּאַטראָנען „מייד אין אינגלענד" און ליידיקע בראָנפן־פלעשער. אילוסטרירטע פּוילישע זשורנאַלן. בילדער פון נאַקעטע פרויען. דאָ האָבן געהויזט די סלאַווישע אָפּטיילונגען פון אַראַבישן פראָנט.

וואָס האָט געשטויסן אָט די שוואַרצע פּאָליאַקן און יוגאָסלאַוון צום קאַמף קעגן דער יידישער שטאַט? שנאה. אייביקע שנאה צום ייד. האָבן דאָך די ברידער און קרובים פון דידאָזיקע מנוולים אויס־געשאָכטן די ברידער פון די תל־אביב־פּאַרטיידיקער — אין די שטעט און דערפער פון פּוילן. איצט האָבן זיי אַלץ געלאָזן אויף הפקר — און אַנטלאָפן.

קיינער האָט נישט באַדראָט די אַראַבער. זיי זיינען רייך געוואָרן פון יידן. קיינער האָט זיי נישט אָנגעגריפן. אַ לויב דיר, יידישער סאָלדאַט, וואָס עס לעבן און גליען אין דיר דורות־לאַנגע בענקשאַפטן, די עקשנות פון דער ביאַליסטאָקער געטאָ־פּאַרטיידיקונג, פון די געטאָ־אויפשטענדלער אין וואַרשע און אין ווילנע. דו האָסט נישט אַנטוישט די האָפנונג, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געלייגט אויף דיר.

עס נידערט אַראָפּ די נאַכט אויף אַבו־כּביר. יידישע בחורים צינדן אָן אַ שייטער־הויפן. ווי אַלט־געפּרוווטע סאָלדאַטן, די ביקסן צווישן די קני, זעצן זיי זיך אויס אַרום פייער. עס ווייזט זיך אַרויס,

אַז די צוועלף בחורים שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ קיבוץ־גלויות: צפּורה — אַ מיידל פֿון טשערנאָוויץ, מרדכי — אַ „סיביריאַק" פֿון מעזריטש, ערשט אַ האַלב יאָר אין לאַנד... לעבן אים אַ בחור פֿון טערקיי. דער קאָמאַנדיר פֿון דער וואַך געבוירן אין בערלין, און יענער וואָס שלעפּט טרוקענע שפּענער איז פֿון אַמסטערדאַם. און אָט איז איינער וואָס דערציילט אינטעליגענטע וויצן, שטאַמט פֿון טעלזש אין דער ליטע, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, און לעבן אים — אַ „צאַברע" פֿון ראשון לציון.

זיצן זיי אַרום דעם שייטער־הויפֿן און צפּורה דערציילט, ווי־אַזוי זי, מיט אַ טוץ בחורים, האָבן געדעקט מיט פֿייער דעם צוגאַנג צום מיל און אייז־פֿאַבריק. זי פֿאַרענדיקט — און זינגט אויף דאָס „נגב ליד". חברה כאַפּן אונטער. זיי גיסן אַריין אינם געזאַנג די בענקשאַפֿט צו רו, צום אַקעראייזן, צו אַ שטיקל באָדן אַוועקצולייגן אויף אים דעם קאָפּ וואָס איז מיד פֿון דורות־לאַנגע וואַנדערונגען.

עס לויכטן שטערן אין די הימלען פֿון דעם אָקופּירטן אבו־כביר...

אַ נצחון־פֿייערונג

סאַלאַמאַ * — דאָס איז דער נאָמען פֿון אַ פּרשה אין דער געשיכטע פֿון אונזער קאַמף. אָבער אויך די פֿייערונג, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן צום באַצייכענען די אויסראָטונג פֿון אָט דעם שלאַנגען־לאָך — איז ווערט אָפּגעמערקט צו ווערן.

נאָך טעג פֿון קאַמף — עטלעכע שעה פֿון דערהויבענע רו. די בחורים זיינען מיד, גאָר מיד. נישט ראַזירט, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, די אויגן רויט. אין די אויערן הילכט נאָך דער אָפּקלאַנג פֿון שיסערייען און אויפֿרייסן. אָבער אויך די פֿרייד־אויסגעשרייען פֿון די איינוווינער

* אַ גרויס אַראַביש דאָרף לעבן תל־אביב.

פון די תל אביבער גרענעץ־געביטן, וואָס האָבן אויפגענומען די סאָלדאַטן מיט קושן און האַנט־דרוקן.

יאָ, די מסיבה איז געווען אַ נויטווענדיקייט פאַר די בחורים — און אויך אַ ביסל פאַרוויילונג, „טשיז׳באַט״. האָט מען אַרויסגענומען דעם לייטער פון דער קולטור־אָפּטיילונג פון בעט און אים באַפוילן צו זאָרגן פאַר אַ פּראָגראַם. און דער לעצטער האָט טאַקע צענויפ־געמומען אַ קליינע גרופּע פון קינסטלער, און ס׳האָבן אויך נישט געפעלט אַקאָרדיאָנען און באַלאַלייקעס.

ווען די קינסטלער זיינען דערשינען — האָט זיי באַגעגנט אַן אויסטערליש בילד. אויף די פענצטער: פענער און אַראַבישע לאָזונגען, מלחמה־רויב. אויף די ווענט: בילדער פון מופטי און פון אַנדערע אַראַבישע פירער מיט געהעריקע לאָזונגען און אויפשריפטן — און פאַרשידענע „אַנדענק־חפצים״ פונם דעראָבערטן דאָרף. אייניקע האָבן געטראָגן פעסקעס אויף די קעפּ. די שטימונג איז געווען גאָר געהויבן. יעדער איינער האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן. איינער אַ זעלנער האָט געהאַלטן אין האַנט דעם שטעמפּל פון מוכטאַר פון דאָרף סאַלאַמאַ — און האָט יעדן איינעם אַרויפגעדריקט אויפן נאָטיץ־ביכל, מעשה אויטאָגראַף...

און דאַן, ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די פייערונג. 12 ביינאַכט. עס שטעלט זיך אויף דער קאָמאַנדיר. ער איז אַ סאָל־דאַט, און נישט קיין רעדנער אויף באַנקעטן. ער טיילט נישט קיין שבחים, נאָר נוצט אויס די געלעגנהייט כדי צו אַנאַליזירן — „וואָס האָבן מיר געלערנט פון דעם קאַמף״. און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן... געזאַנג און וויצן און פאַראַדיעס.

ווי שפּעט? ווער ווייס, — און ווען ס׳איז באמת געקומען די צייט צו גיין שלאָפן, איז געקומען דער אמתער סיורפּריז: די ידיעה, אַז אויך דער דאָרף יאַזור, וואָס האָט אונז פאַרשאַפט אַזויפיל צרות, איז איינגענומען געוואָרן.

און די הילולה און חינגה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פונדאָסניי.

עמק הירדן און דער מזרחדיקער גליל

טירת צבי

די שלאַכט פון טירת צבי, מיטן פעברואַר 1948 — איז געווען איינע פון די ערשטע קאַמפן אין דער גרויסער יידיש־אַראַבישער מלחמה, וואָס האָט שפּעטער אַרומגענומען גאַנץ ארץ ישראל. זיבן שעה האָט זיך געצויגן די שלאַכט, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען אַ 300 אַראַבער פון ארץ ישראל און עבר הירדן. 57 אַראַבער זיינען געפאַלן, צענדליקער זיינען פאַרוואונדעט, 3 גענומען אין געפאַנגענ־שאַפט. די אָנגרייפער האָבן איבערגעלאָזן אויפן שלאַכט־פעלד אַ סך וואָפן.

דער אָנגריף האָט זיך אָנגעהויבן 3 פאַרטאָג, מיט אַ שווער פייער פון אויטאָמאַטיש געווער און מינען־וואַרפער. 7 אינדערפרי האָבן די אָנגרייפער זיך דערנענטערט צו דער פאַרצוימונג פון טירת צבי. די פאַרטיידיקער — חברים פון דער קבוצה און הגנה־איינהייטן — האָבן געענטפערט מיט אַ מעכטיק פייער, זיך העלדיש פאַרטיידיקט און אָפּגעשטויסן די אָנגרייפער. כוואַליע נאָך כוואַליע איז דער אָנגריף אָפּגעשטויסן געוואָרן — און די אָנגרייפער האָבן געליטן 35 פאַרלוסטן אין געהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

שפּעטער האָבן די אַראַבער אַריינגעוואָרפן אין קאַמף נייע רעזערוון — און באַנייט זייער אָנגריף. נאָכדעם ווי זיי האָבן געליטן נייע פאַרלוסטן, האָבן די אַראַבער אָנגעהויבן זיך צוריקציען. 9 אַ זייגער איז אויפן אָרט אָנגעקומען בריטיש מיליטער, וואָס האָט אויך באַשאָסן די אָנגרייפער. זייער צוריקציען־זיך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַנישן אַנטלויפן. די וואָפן וואָס די אַראַבער האָבן איבערגע־

לאָזט אויפֿן שלאַכט־פֿעלד באַוויזן, אַז זיי האָבן זיך פּאַרמאָסטן אַריינרייסן אין קיבוץ און אים צעשטערן. עס זיינען געפֿונען געוואָרן העק, פּיאָשן און זעק אויף צונויפֿזאַמלען דעם רויב.

דער פּלוצימדיקער אָנגריף אויף טירת צבי, דער עקסטרעמסטער יידישער פּונקט אינעם בית־שאָן־טאָל, איז דערפֿאָלגרייך אָפּגעשטויסן געוואָרן, הגם אַלע געאָגראַפֿישע פֿאַקטאָרן זיינען געווען לטובת די אָנגרייפֿער. טירת צבי, וואָס איז אויסגעשטאַנען דעם פֿייער־נסיון אין די געשעענישן פֿון 1938, האָט אויך דאָסמאָל באַוויזן אַ מוסטער פֿון העראָאיזם און שטאַנדהאַפֿטיקייט. דער יידישער זיג האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג צווישן דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג און אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

די באַפֿרייאונג פֿון טבריה

ט ב ר י ה איז באַפֿרייט געוואָרן. די אַראַבער זיינען אַנטלאָפֿן אין פּאַניק. וואָס איז געשען? פֿאַרוואָס זיינען זיי אַזוי אַנטלאָפֿן אָן קאַמף? האָבן דאָך די יידן און די אַראַבער געלעבט פֿרידלעך איינער לעבן דעם אַנדערן זינט הונדערטער יאָרן, געהאַנדלט און געהאַט שכנותדיקע באַציונגען, — פֿאַרוואָס־זשע זיינען אַזוי בחפּזונדיק עוואַקואירט געוואָרן די אַראַבישע קוואַרטאַלן, איבערלאָזנדיק די פּיטעס (פּתה=אַראַביש ברויט, טייג־פּלעצל) אין די אויוונס און דעם יוירנדיקן טייג אין די קנעט־קאָריטעס? וואָס האָט אויף זיי אָנגעוואָרפֿן אַזאַ פּחד? אפֿשר צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געטראַכט, — אַז דאָס וואָס זיי האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, צוטיילן זיך מיט דעם יידישן רויב און שאַרפֿן די מעסערס — וועלן די יידן טאָן מיט זיי? אָדער אפֿשר האָבן זיי זיך דערמאָנט דאָס, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן מיט עטלעכע משפּחות בעת די געשעענישן פֿון 1936, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט ביינאַכט אין אַן איינזאַמען יידישן קוואַרטאַל און אויסגעשחטן עטלעכע משפּחות, מאַן און פֿרוי, זקנים און קינדער? צי האָט אויף זיי געציטערט די הויט, אַז מיר וועלן זיי

אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע — און דעריבער זיינען זיי אַנטלאָפן אין די רחבותדיקע שכנותדיקע לענדער? און אפשר טראַכטן זיי נאָך זיך אומקערן אַהער אַלס זיגער אָדער כדי ווייטער צו לעבן און בויען מיט אונז די שטאָט?

אַ מין שכרות פון זיג און סיורפּריז פון זיג איז אויסגעגאָסן אויף דער שטאָט אינם פרילינגדיקן שיין.

אַלט איז די שטאָט — ווי אונזער געשיכטע. זי איז געווען אַ צענטער פון תורה און חכמה. אַ צוציונגס־פּונקט פאַר דורות זינט די צייטן פון דון יוסף הנשיא אין 17־טן יאָר־הונדערט.

רעשטן פון עדות לעבן אין דער שטאָט — יידן פון בבל און מאַראָקאָ, פון פּערסיע און סיריע און כלערליי אשכנזים. זי פאַרמאָגט כלערליי שולן — תלמוד תורה׳ס פון אגודה און מזרחי, אַ „אַליאַנס״ שול, אַן אַלגעמיינע און אַרבעטער־שול, וועלכע צעטיילן די קינדער אין פאַרשידענע לאַגערס. איז נויטיק איצט אַ קאָנסאָלידאַציע־פּראָצעס, כדי די שטאָט זאָל מיט געמיינזאַמע כוחות אויפבליען!

טבריה ליגט אויפן שאָסיי צום גליל. אין טאָג פון איר באַפרייונג האָבן אין אירע גאַסן געאיילט בחורים אַלס פאַרשטאַרקונג פאַרן גליל — און זייערע היטלען זיינען געווען באַצירט מיט די רויטע בלומען וואָס באַדעקן אירע פעלדער ווי מיט אַ פייער־טעפּיך.

די פּראָקלאַמירונג פון אַ יידישן רעזשים אין טבריה

נאָכדעם ווי די אַראַבער פון טבריה האָבן באַקומען זייער שטראָף, ווייל זיי האָבן פאַרוואַנדלט טבריה אין אַן אָנגריפס־באַזע פון די באַנדעס; נאָכדעם ווי די הגנה־איינהייטן האָבן אָנגעהויבן אַ ברייטצוגיקן קעגן־אָנגריף מיטן ציל אויסצוראָמען די פּאָזיציעס פון די באַנדעס, דעראָבערנדיק הויז נאָך הויז און פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע; נאָכדעם ווי אַ יידישע פאָן איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אויפן בנין וווּ ס׳האָט געהויזט דער הויפּט־קוואַרטיר פון די באַנדעס — האָבן אַלע

אַראַבער פאַרלאָזן די שטאָט, און דער וועג צום גליל איז געוואָרן פריי.

אינם זעלבן טאָג האָט דער הגנה־קאָמאַנדיר פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף צו די איינוווינער פון טבריה, וועלכער פּראָקלאַמירט, צום ערשטן מאָל אין ארץ ישראל, אַ זעלבסטשטענדיקן יידישן רעזשים אין אַ שטאָט.

דער אויפרוף לויטעט:

צו די איינוווינער פון טבריה!

די אַראַבישע איינוווינער האָבן פאַרלאָזן די שטאָט.

גאַנץ טבריה איז אַריבער אין אונזערע הענט.

איך פּראָקלאַמיר אַ זעלבסטשטענדיקן יידישן רעזשים אין שטאָט.

און דאָס איז מיין ערשטער באַפעל:

א. כ'האָב געגרינדעט אַ יידישע מיליטערישע פּאָליציי. איר אויפגאַבע איז — אָפּהיטן די רו און אָרדנונג אין שטאָט. די איינוווינער דאַרפן זיך אונטערוואַרפן און דערפילן אירע באַפעלן.

ב. כ'פאַרבאָט ווי אַם־שטרענגסטן אָנצורירן יעדן געוועזענעם רעגירונגס־אייגנטום, אַראַבישן אָדער אַנדער אייגנטום.

ג. די איינוווינער דאַרפן אָפּהיטן און שוינען אַלע הייליקע מקומות פון מוזלמענער, קריסטן און אַנדערע.

ד. ווער עס וועט פאַרלעצן די אויבן־דערמאָנטע באַפעלן וועט באַשטראָפט ווערן.

19.4.48

*

אויך די קהלה האָט פאַרעפנטלעכט אַ ווענדונג צו די איינ־וווינער, אין וועלכער עס ווערט צוו. אַנד. געזאָגט:

מיר האָבן ווי־געהעריק אָפּגעהיט דעם שלום־אָפּמאַך צווישן אונז און די שטאָטישע אַראַבער במשך פון 28 טעג. נישט מיר האָבן אים פאַרלעצט. נאָך אַ 10־טאָגיקן קאַמף האָבן אַלע אַראַבער פאַרלאָזן

די שטאָט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אין מיטן העלן טאָג אונז ווילד אָנגעגריפן.

אַ דאַנק די כוחות פון דער הגנה זיינען פאַרמיטן געוואָרן גרויסע אומגליקן און קרבנות. אָבער דער קאַמף איז נאָך נישט פאַר־ענדיקט. און דעריבער — קיין שום נצחון־שאלן! אַלע ווערן גערופן צום נצחון וואָס וועט קומען.

צמח

דאָס אַראַבישע שטעטל צמח האָט געציילט 6000 איינוווינער; זי איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אויפן חשבון פון אונזערע ישובים אינם ירדן־טאָל און טבריה. אמת, במשך פון עטלעכע חדשים האָבן זיך די איינוווינער קעגנגעשטעלט, אָפט מיט געווער, קעגן די פרעמדע באַנדעס — אָבער צום סוף האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן. צמח איז איצט אין אונזערע הענט און וועט שוין מער נישט אונז באַלעסטיקן.

מיין באַזוך הויב איך אָן פון דער פאָליציי־סטאַציע, וואָס ליגט אַ 10 מעטער פון שטעטל. ביים אַריינגאַנג, לעבן טויער, אויף די דעכער פון בנין, אויפן אויסקוק־טורעם — אומעטום באַוואָפנטע יידישע סאָלדאַטן. אינם פאַרמאַכטן הויף אַן אומאויפהערלעכע באַ־וועגונג — אויטאָס קומען און פאָרן אָפּ. אַ זעלנער פירט מיך צום קאָמאַנדיר; אין צימער — אַ שרייב־טיש מיט אַ טעלעפאָן, אויף די ווענט מאַפּעס פון דער סטאַציע און אַ ווינקל — אַ בינטל מיט שליסלען פון די פאַרשידענע צימערן און הויפן.

דער קאָמאַנדיר גיט מיר אַ דערלויבניש — און אַ באַגלייטער. וועגן דער דעראָבערונג פון דער פאָליציי־סטאַציע דערציילט ער:

אָט די גרויסע לאָך אין וואַנט, די דורכגעריסענע הויכע דראָט־פאַרצוימונג — דאָס איז די אַרבעט פון אונזערע בחורים! נאָכן דורכברעכן די שטערונגען זיינען די בחורים אַריינגעדרונגען אין דער סטאַציע און זי איינגענומען. דער אויפרייס איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די אַראַבער האָבן געמיינט, אַז די גאַנצע סטאַציע איז חרוב געוואָרן און אָנגעהויבן אַנטלויפן. אויך די איינוווינער פונם

שטעטל האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן מאַסנווייז, איבערלאָזנדיק אַלץ אויף גאָטס באַראָט. אונזערע בחורים האָבן פאַרגעזעצט זייער פאַר־שריט פון צימער צו צימער. ווען זיי זיינען אַרויף אויפן טורעם, ווו ס׳פלאַטערט איצט די יידישע פאָן, האָבן זיי געטראָפן אַ יונגן אַראַבער מיט אַ סטען אין האַנט וואָס האָט זיך געטרייסלט פון שרעק. דעם אַראַבער האָבן מיר גענומען אין געפאַנגענשאַפט. דער סטען איז געווען פון איינעם פון אונזערע בחורים, וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק געהרגעט געוואָרן אין קאַמף פאַר צמח.

מיר גייען פון צימער צו צימער; טושן און וואַנעס; און אָט איז דער גרויסער לייען־זאַל וואָס אונזערע בחורים האָבן איינגעאָרדנט: ביכער, צייטונגען, אַ ראַדיאָ. אַ עס־צימער און שלאָף־צימערס. אָרדנונג און ריינקייט. אין אַן אַנדער צימער רייניקט מען ביקסן. די בריטישע מאַכט האָט געזאָרגט פאַר אַלע בעקוועמלעכקייטן פאַר אירע סאָלדאַטן.

כ׳קוק מיך צו צום אַראַבישן געפאַנגענעם. עס פעלט אים נישט קיין שפייז. מען ברענגט אים ריינע קליידער. און איך טראַכט: צי געניסן אויך אונזערע געפאַנגענע פון אַזעלכע באַדינגונגען?

*

מיר איילן זיך צו באַזוכן צמח, וואָס האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אין די לעצטע יאָרן און גרייכט כמעט צום כנרת.

ביים איינגאַנג פאַרהאַלט מיך אַ יידישער זעלנער און קאָנ־טראָלירט אונזער דערלויבניש. מיר זיינען אַ דורך אַ פאַרצוימונג און אונזערע פיס טרעטן דעם באָדן פון דעם דעראָבערטן שטעטל. פאַרצוימונגען פון שטעכיקן דראָט, אַ לאַנגער און טיפער שוץ־קאַנאַל און אַ סך פּאָזיציעס אינם קאַנאַל און צווישן די הייזער. עטלעכע הייזער וועלכע האָבן צו צוויי־דריי שטאָק, וואָס פון זיי פלעגט מען באַשיסן די יידישע קאָמוניקאַציע, זיינען ביז צום יסוד פאַרניכטעט געוואָרן דורך די הגנה־כוחות.

מיר זעצן פאָר אונזער באַזוך. אַ קאָשמאַרפולע שטילקייט אין די פוסטע גאַסן. דאָ און דאָרט פגרים פון דערשאָסענע הינט. קראָמען פול מיט כל טוב, קאַפע־הייזער און ווייַן־געביידעס זיינען פאַרלאָזן

געוואָרן אין לעצטן מאָמענט. וועגן דעם זאָגט עדות די גרויסע צאָל פּאַרפּאַקטע פּעקלעך, וואָס מען האָט זיי נישט באַוויזן מיטנעמען. אָט אַן אָפענע קראָם מיט פּאַפּיר־מאַטעריאַלן, אָט אַ מאַגאַזין מיט מעל, צוקער, ציבעלעס, קאַרטאָפל. און וואָס נישט? אָט איז די דירה פונם לייטער פון דער באַן־סטאַציע; נישט קיין גרויסע, נאָר פול מיט שיינע אייראָפּעישע מעבל.

מיר גייען פון הויז צו הויז, פון הויף צו הויף. יעדער הויף איז פאַרבונדן מיטן צווייטן, און אַלע צוזאַמען בילדן אַ נישט־דורכדרינג־לעכן לאַבירינט פון צימערן און לעכער און קעלערס, אין וועלכע ס׳האָבן געוווינט און געלעבט מענטשן. מיר קומען צום בנין פון דער אַראַבישער קאָמאַנדירונג: אַ צוויי־שטאָקיק הויז געבויט פון שטיין־בעטאָן. אויף טרעפּ גייען מיר אַריין אין אַ גבירישע דירה: ווייכע סאָפעס, שיינע מעבל, שפּיגלען, פּאַפּירן, ביכער, בילדער, זילבער־און קופּער־חפצים. „מיר האָבן אַרויסגענומען פון דאַנען אַלע טעלע־פאָנען, דאָ איז געוועזן די קאָמאַנדירונג״. — זאָגט מיר מיין באַגלייטער, און פירט מיך צו אַן אָפענעם פענצטער. „פון דאַנען פלעגט מען אָפט שיסן אויף שער הגולן״ — איז ער מוסיף. דער מרחק איז נישט קיין גרויסער.

מיר קרייצן דורך די באַן־סטאַציע. רו איז אויסגעגאָסן אויף די וואַגאָנען און וואַרשטאַטן, די פּאָסט־און טעלעפאָן־ביוראָען. דאָ און דאָרט דרייט זיך אַרום אַ הונגעריקע קאַץ אָדער הונט.

אין אַן אַנדער הויז — אַ וואַנט פון זאַמד־זעקביים פענצטער — אַ פּאָזיציע. „אַזוי האָבן מיר מאַרשירט פון דאַך צו דאַך בעת דער דעראָבערונג פון צמח״.

מיר גייען פאַרביי אַ מעטשעט. מיין באַגלייטער באַמערקט, אַז ער וויל נישט באַזוכן זייערע הייליקע ערטער. מיר קוקן אַריין דורכן פענצטער: „אַ פינצטערער לײדיקער זאַל, אויפן שטיין־באָדן זיינען אויסגעלייגט ראָגאָזשעס״.

די זון פאַרגייט — און מיר איילן זיך פאַרלאָזן די טונקעלע און פּוסטע געסלעך פון צמח.

די דגניה׳ס אין פייער

פרייטאָג, דער 20־טער מאַי, וועט פאַרצייכנט ווערן אַלס דער אַנטשיידונגס־טאָג אין גורל פון די דגניה׳ס און פון גאַנצן ירדן־טאָל. אָבער נאָך פאַר דעם טאָג האָבן געבושעוועט פאַרביטערטע קאַמפן אין דער געגנט. פּאָזיציעס זיינען אַריבער פון האַנט צו האַנט. ערשט דעם 18־טן מאַי איז שווער אָנגעגריפן געוואָרן די פּאָליציי־סטאַציע פון צמח, וואָס איז געווען אין אונזערע הענט. 60 פון אונזערע בעסטע זין האָבן מיר דאָרט פאַרלוירן. און נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן צונויפצזאַמלען אונזערע הרוגים — איז געקומען דער שווערער אָנגריף אויף די דגניה׳ס.

אָט וואָס עס ווערט דערציילט אין דער טרוקענער שפּראַך פון מיליטערישן טאָג־בוך:

3.35 אַ זייגער פאַרטאָג האָבן 25 אונזערע קעמפער באַקומען אַ באַפעל צו באַשיסן דעם פיינטלעכן מאַשינען־געווער, וואָס האָט שטאַרק באַלעסטיקט דגניה א׳. די מאַשין איז אויף אַ ווייל פאַרשוויגן געוואָרן, און גלייך נאָכדעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונז אַ פייער פון אַלע זייטן. אַ שראַפּנעל פון אַ טאַנק־האַרמאַט האָט פאַרוווּנדעט 2 מענטשן אונזערע. די שיסעריי האָט זיך געצויגן ביז נאָך 4 אַ זייגער. דאַן האָבן זיך באַוויזן 2 טאַנקען פון שונא וועלכע האָבן זיך באַוועגט אין דער ריכטונג פון דגניה — איינער צום טויער און דער צווייטער צום צענטער פון אונזער שוץ־טראַנשיי. הינטער די 2 טאַנקען האָבן זיך געשלעפּט נאָך 4 טאַנקען און פּאַנצערס. דער צענטראַלער טאַנק האָט דורכגעבראָכן צוויי פאַרצוימונגען און דער־גאַנגען ביז צו דעם ערשטן טראַנשיי. אין דעם מאָמענט האָבן זיך אַ לאָז געטון קעגן אים 2 פאַרטיידיקער און אים באַוואָרפן מיט „מאָלאָטאָוו־צינד־פלעשער". דער טאַנק האָט זיך אָנגעצונדן, אָבער ער האָט ווייטער געשפּיגן פייער. ער איז ווידער באַוואָרפן געוואָרן מיט צינד־פלעשער — און איז געגנצלעך פאַרברענט געוואָרן. דער צווייטער טאַנק, וואָס איז אין דער זעלבער צייט דערגאַנגען צום

טויער, איז געבליבן שטעקן אויפן אָרט. פון 60—70 מעטער איז ער באַשאָסן געוואָרן מיט ביקסן — און אויך ער האָט אָנגעהויבן ברענען.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט אַ דריטער טאַנק צום פרדס פון דגניה. אויך ער איז באַוואָרפן געוואָרן מיט צינד־פלעשער, און די יויפּן זיינע האָבן זיך פונאַנדערגעפּלאַקערט. די טאַנקיסטן זיינען אַרויסגעשפּרונגען פונם ברענענדיקן טאַנק, אָבער ווי־נאָר דאָס פייער האָט זיך איינגעלאָשן, זיינען זיי ווידער אַריין אין אים. דאַן האָט זיך פונאַנדערגעפּלאַקערט אַ פּאַנצער, וואָס איז געגאַנגען קעגן אונז.

אין דערזעלבער צייט איז אָפּגעשטויסן געוואָרן אַ צווייטער ענלעכער אָנגריף אויף דגניה ב׳.

די מלאכה האָבן פאַרענדיקט אונזערע אַרטילעריסטן, וועלכע זיינען אַריין אין קאַמף שפּעטער. אונזערע שראַפּנעלן האָבן גורם געווען אַ פּאַניק אין די רייען פון דעם שונא׳ס פוס־גייער־סאָלדאַטן. די אַנטשיידנדיקע פאַרביטערטע שלאַכט האָט זיך געצויגן פון פרי־מאָרגן ביז די מיטאָג־שעהן.

אונזערע בחורים, צווישן זיי געוועזענע פּאַרטיזאַנער און רויט־אַרמייער, האָבן באַצייכנט דעם טאָג — „סטאַלינגראַד־טאָג״. אין דער שלאַכט האָבן זיך אויך באַטייליקט אונזערע זין, נייע עולים און קבוצה־וועטעראַנען, דער לערער און וועטערינאַר. אַלע, ייִנגלעך זיינען געווען פאַרבינדלער, געאיילט פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע אונטערן פייער פון כלערליי כלי־משחית. אַן אַלטער חבר האָט באַזאָרגט די אַפּראָוויזאַציע אין די געפערלעכסטע באַדינגונגען. דער גייסט פון גבורה און אָפּפערוויליקייט האָט עס פאַרוואַנדלט די שלאַכט — אין אַ שלאַכט נוסח סטאַלינגראַד.

דער מענטש האָט באַזיגט די מאַשין

(אַ באַזוך אין ירדן־טאָל)

עס קען זיין, אַז דער ריכטיקסטער קעפּל פאַר די ווייטער־קומענדיקע פאַרצייכנונגען וואָלט געווען: דער גרויסער בלאָף; ווייל די אַראַבישע אינוואַזיע איז, אין אַ געוויסן זין, דער גרעסטער בלאָף אין דער מיליטערישער געשיכטע פון דער וועלט. אויף אַ רייזע פון הונדערטער קילאָמעטער לענגאויס דעם לענגסטן און נאָך ירושלים וויכטיקסטן פראָנט, פון בית שאן־טאָל און ביז צום באַניאַס, לענגאויס די גרענעצן פון עבדאללא, סיריע און לבנון האָב איך נישט געטראָפן קיין איין איינציקן פיינטלעכן סאָלדאַט אויפן באָדן פון ישראל.

דאָס מיינט נישט, אַז דער שונא האָט זיך נישט געפּרוּווט; און ער האָט אפילו געהאַט אַן איבערוואָג אין צאָלן און באַוואָפנונג. דאָ און דאָרט איז אים געלונגען צייטווייליק דורכברעכן זיך אַ וועג, — אָבער אין פאַרמעסט מיט די רעגולערע כחות פון 4 מדינות — עבר הירדן, עיראַק, סיריע און לבנון, האָבן אויף דעם פראָנט געזיגט די יידן. דער שונא געפינט זיך איצט געננוי אויפן זעלבן אָרט ווו ער איז געווען ערב דער אינוואַזיע, און ער וואַרפט אַריבער כחות צום פראָנט פון ירושלים. די יידישע געגנטן, ווו עס האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק געגלאַנצט אין דער זון טויזנטער סאָלדאַטן, פאַנצערס און האַרמאַטן פון שונא, זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן פון אים. נאָכמער: ווען כ׳האָב פאַרלאָזן דעם פראָנט, זיינען יידישע סאָלדאַטן אַריבער דעם סירישן גרענעץ דורכצופירן געוויסע אַקציעס אויף דער טעריטאָריע פון שונא אַליין.

בילדער פון וועג

שנעל איילט מיין טאַקסי אויפן ברעג־שאָסיי קיין חיפה, פאַרביי זכרון יעקב און שער העמקים און הויבט אָן קלעטערן אויף די נצרת־בערג. אָט איז דער באַלפור־וואַלד. אַ ריזיקער בריטישער

אַעראָפּלאַן לאַנדעט אויפן לופט־פּלי־פּלאַץ פון רמת דוד. דאָ איז איינער פון די לעצטע בריטישע שטיץ־פּונקטן. און איך קוק אויף די ענגלענדער ווי אויף משונהדיקע בריות, וואָס געפינען זיך מחוץ דער ארץ ישראלדיקער ווירקלעכקייט.

פון עפולה פאָרן מיר מיטן עין חרוד־שאָסיי. רעכטס — די הויקערס פון גלבוע־באַרג. די געשטאַלטן פון שאול און יהונתן און דער אָנדענק פון ווינגייטן שוועבן אין דער לופט. אויבן — אַ זעלטן בילד אין מדינת ישראל ביים היינטיקן טאָג: אַן אַראַבישער דאָרף, זרעין, נאָר 200 מעטער פונם שאָסיי.

מיר נויגן אָפּ פון שאָסיי, פאָרן דורך עין חרוד און מיט אַ פעלד־וועג קומען מיר אָן דאָרט ווו ס׳איז געווען דאָס האַרץ פונם געוועזענעם אַראַבישן שטח. אויך די אַראַבישע דערפער זיינען בדרך כלל פאַרלאָזן, איז אויך אָפּגעשוואַכט דער לעבנס־פּולס אין די קיבוצים. אויף די פעלדער זעט מען זעלטן יונגע מענטשן, אויסער די שומרים, און ביים שניט אַרבעטן פרויען.

„די פעסטונג פון ווינט״

ווייטער גייען מיר צופוס. מיר גייען גלייך, נישט אָפּנויגנדיק רעכטס אָדער לינקס, צוליב דער געפאַר פון מינעס.

קאוקאַב־אַל־האוואַ״ — „די פעסטונג פון ווינט״, איז אַן אַלטע פעסטונג פון די קרייץ־צייטן געבויט פון שוואַרץ־שטיין מיט טערקישע און אַראַבישע אַרכיטעקטאָנישע צוגאָבן. ער באַשטייט, בעיקר, פון אַ ריי נאָרעס און קעלערס אויסגעהאַקט אין אַ פעלז, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ טיפן קאַנאַל־טראַנשיי; אָט די פעסטונג־סיסטעם וואָס איז געווען עפעקטיוו מיט הונדערטער יאָרן צוריק, קען אויך נוצן ביים היינטיקן טאָג. אָבער די אמתע וויכטיקייט פון דעם אָרט ליגט אין זיין טאָפּאָגראַפיש־געאָגראַפישער לאַגע. פון דער הויך פון הונדערטער מעטער הערשט ער איבער די ברייטע פליינען פון ירדן, פון בית שאן־טאָל ביז צום כנרת. אַ סך מלחמות זיינען פאַרביי אויף אָט דער פעסטונג זינט זי איז געבויט געוואָרן;

ווער ס'האָט געהערשט אין איר — דער האָט געהערשט אין גאַנצן ירדן־טאָל.

ערב דער אינוואַזיע איז די יידן געגעבן געוואָרן דער אויפטראַג איינצונעמען די פעסטונג. נאָך א פאַרביסענער נאַכט־שלאַכט זיינען די אַראַבער אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אלץ הינטער זיך. אויף־צו־מאָרגנס איז דער שונא אַריבער דעם ירדן מיט אַ גרויסן כוח, כדי צוריק איינעמען די פעסטונג. די פליינען פון ירדן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט קאָנצענטראַציעס פון טויזנטער סאָלדאַטן פון לעגיאָן און פון דער עיראַקישער אַרמיי, מיט פאַנצערס, טאַנקען און אַרטילעריע. די אַרטילעריע האָט גלייך אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן די פעסטונג, און עיראַקישע לופט־פליער האָבן זי אָנ־געגריפן פון דער לופט. דער פלאַן פון שונא איז געווען גוט אויס־געאַרבעט. אַ 1000 מאַן זיינען באַשטימט געוואָרן אויף איינצונעמען די פעסטונג.

500 לעגיאָנערן און עיראַקישע סאָלדאַטן, באַוואָפנט מיט שווער געווער, האָבן מאַרשירט אויף איר, און אין דער זעלבער צייט האָט אן אָפּטיילונג פון 200 סאָלדאַטן (צווישן זיי אויך אַ סאַבאָטאַזש־גרופּע) זיך אַדורכגעשמוגלט דורך אַ פאַרבאַהאַלטענעם וועג — און אויף צומאָרגנס פאַרטאָג, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט, האָט זי זיך געפונען הינטער דער פעסטונג, אין יידישן געביט, אַ 70 מעטער פון די מויערן פון דער פעסטונג. דער הויפּט־כוח פון שונא האָט אָנגעגריפן פון דער ריכטונג פון ירדן. די יידן האָבן זיי געלאָזט זיך דערנענטערן — און דאַן באַלייגט מיט אַ שטאַרק פייער. נאָך צוויי שעה פון קאַמף האָט דער שונא אָנגעהויבן זיך צוריקציען.

קעגן דער גרופּע פון שונא וואָס האָט געציילט 200 מאַן, און וואָס האָט געזאָלט זיך דורכרייסן פון הינטן אַרום (נאָכדעם ווי די 500 וועלן צושמידן צו זיך דעם פייער פון די יידן) איז געשיקט געוואָרן איין קאָמפּאַניע פון פלמ"ח. דער קאַמף האָט געדויערט נאָר 10 מינוט. דער שונא איז אַנטלאָפן איבערלאָזנדיק אַ סך אויפרייס־

מאַטעריאַל און וואָפן, ווי אויך ביקסן מיט אויסגעשטרעקטע שטיקעס גרייט צום ענדגילטיקן אָנגריף. דאָס גאַנצע געפונענע געווער איז פון מאָדערנער בריטישער פּראָדוקציע. אונזערע פאַרלוסטן יענעם טאָג זיינען געווען — 4 פאַרוווּנדעטע, 2 לייכט.

נאָך זיין מפלה האָט דער שונא זיך באַגנוגנט נאָר מיט האַרמאַטן־באָמבאַרדירונג; נאָכדעם ווי מיר האָבן געענטפערט מיט עטלעכע לייכטע האַרמאַטן — איז דער שונא איינגעשטילט געוואָרן. ער פלעגט נאָך שיקן אַעראָפּלאַנען, אָבער נאָך אַ „וואַרעמען" קבלת פּנים פון אונזערע קעגן־לופט־אָנגריף־באַטערייען, האָט ער דאָס אויך אויפגעהערט. נאָכדעם ווי אונזערע האַרמאַטן האָבן געטראָפן די פּאַנצערס און טאַנקן פון שונא, — זיינען אויך גשר און בית יוסף באַפרייט געוואָרן פון זיינע אָנגריפן.

אין אַ נאָרע פונם פעלז וואָס איז ענלעך אויף אַ צימער (דער אַריינגאַנג איז דורכן פענצטער) טרינקען מיר שוואַרצע קאַווע מיטן אָרט־קאָמאַנדיר. פון אַ דערבייקער נאָרע הערט זיך די שטים פון ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט, וואָס לערנט תמיד מאטעמאַטיק: 2, 3, 4, 5... דער קאָמאַנדיר, אַ 34־יעריקער בחור, זעט גאָר נישט אויס מיליטעריש. אַ חבר פון אַ קבוצה, אַ טאַטע פון 2 קינדער, 14 יאָר אין לאַנד, שטאַמט פון פוילן — אין ציווילן לעבן פלעגט ער פירן מיט אַן אויטאָ די פּראָדוקטן פון דער קבוצה אין שטאָט אַריין. זיין איינציקע מיליטערישע אויסבילדונג האָט ער באַקומען אין דער הגנה, אין חי"ש (חיל שדה=אינפאַנטעריע־אָפּטיילונגען). יעדער סאָלדאַט איז אַ חבר און ס'קלינגט מיר אויסטערליש אין זיין מויל דער זאַץ: „דער באַפעל וואָס כ'האָב באַקומען — האַלטן די פעסטונג פאַר יעדן פּרייז". מחוץ פון דער נאָרע, אין וווּנדערלעך־מאַסקירטע פּאָזיציעס, זיינען געווען די וואָס וועלן אויספילן דעם באַפעל: חברים פון קיבוצים, שילער א.דגל.

„יאָ, אין זייער זכות וועט דער אָרט הייסן פונדאָסניי רמת־כוכבה, ווי אין די אַלטע צייטן" — זאָגט מיר דער קאָמאַנדיר ביים געזעגענען זיך. תמיד האָב איך מיך געוווּנדערט אויפן גרויסן איינ־

טערעס, וואָס די חברים פון די קיבוצים ווייזן אַרויס צו דער געאָגראַפישער געשיכטע פון זייער אומגעבונג.

אינם הויף פון שטאַב

אויפן כביש עפולה־תבור—יבנאל קיין נייעס. אינם טשער־קעסישן דאָרף קאַנאַ ביי יבנאל היטן טשערקעסן און יידן צוזאַמען. אָבער אין יבנאל „פילט״ מען שוין דעם ריח פון פראָנט. דער שטאַב־שעף פון אָט דעם פראָנט נעמט מיר אויף ביי זיין טיש, אין אַ פשוט נישט־מעבלירט צימער. אַ 32־יעריקער קיבוצניק. ריידנדיק שליסט ער צו, פון מאָל צו מאָל, די רויטע נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן.

נעכטן האָבן מיר זיך אומגעקערט פון מסדה און שער הגולן וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן. אויפן טיש באַמערק איך אַן אָפגעסמאַליעט בוך — „הטור השביעי״ פון נתן אלטערמאַן. דערווייל הערט זיך אַ רויש פון מאָטאָרן, און גלייך נאָך דעם — אויפרייסן. דער פעלד־ראַדיאָ פון קאָמאַנדיר ווערט אָנגעצונדן; מען מעלדעט: דער שונא באָמבאַרדירט עין גב. צוויי באָמבעס האָבן נישט גע־טראָפן; איינע — יאָ. „ביי אונז באָמבאַרדירן פון דער לופט עיראַקער — דערקלערט דער קאָמאַנדיר. מיר האָבן אַראָפּגעשאָסן אַ צוויי דריי. זיי באַלעסטיקן, אָבער ס׳איז נישט ערנסט״.

עס קומט אַריין אַ אָפיציר און פרעגט, צי דער שאָסיי קיין כנרת איז אין אָרדנונג. „קענסט פאָרן״ — ענטפערט דער קאָמאַנדיר.

דער אָנגריף אויף דגניה

הגם עס דעמערט שוין, האָט מען מיך באַפוילן צו קאָמופלאַ־זשירן מיין טאַקסי פאָרן אַרויספאָר צום פראָנט. יעדע פאָר מעטער שטייען אויפן וועג סאָלדאַטן און אידענטיפיצירן די טאַקסי. צום סוף שטעלט זי זיך אָפּ פאַר אַנטי־טאַנקישע שטרויכלונגען. מיר גייען אַ דורך דעם ירדן צופוס און קומען אַריין קיין דגניה דורך אַ זייטיקן וועג.

איז דאָס די לוסטיקע און רוישנדיקע דגניה? אומעטום פינצ־טער. די עלעקטרישע נעץ איז צעשטערט געוואָרן און די גרויסע מילך־אונטערנעמונג איז נישט טעטיק. די ווונדערבאַרע גראָז־טעפּיכער זיינען געל — קיינער באַוואַסערט זיי נישט. די סטאַדע אין שטאַל איז פאַרנאַכלעסיקט. די פרויען און קינדער זיינען עוואַקואירט. מיר גייען אַריין אין אַ גרויסן בנין — יונגע מענטשן אין מונדירן עסן ביים שיין פון ליכט, ערב דעם אַרויסגאַנג צו זייערע נאַכט־אויפגאַבן. אַ שיינע טאָכטער פון דגניה גייט־מיט מיט אונז צום פראָנט. אויפן וועג זעען מיר די ערנסטע שאָדנס וואָס זיינען אָנגעטון געוואָרן צו די וווין־הייזער, אין רעזולטאַט פון די לופט־אָנגריפן, האַרמאַטן־שראַפּנעלן אין דעם דירעקטן אָנגריף אויף די דגניה׳ס.

נאָכדעם ווי אַ יידישע מיליטער־אָפּטיילונג האָט איינגעהאַלטן צמח כמעט ביז צום לעצטן מאַן, און דער אָרט איז איינגענומען געוואָרן דורכן סירישן מיליטער, האָבן די קאָמאַנדירן פון מסדה און שער הגולן באַפוילן צו עוואַקואירן ביידע קיבוצים צוליב טאַקטישע טעמים, און אויך צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט געזען קיין מעג־לעכקייט צו האַלטן די ערטער אונטערן דרוק פון שונא און דעם פאַרשפּעטיקטן אָנקום פון דער פאַרשטאַרקונג. די אַראַבער זיינען אַריין אין די פונקטן און זיי אויסגערויבט, אויסגעשאָכטן די בהמות און אונטערגעצונדן אַלע הייזער. די סירישע סאָלדאַטן האָבן אָבער נישט פאַרגעזעצט זייער מאַרש ביינאַכט — פאָדערט דאָך די נאַכט מוט און אינדיווידועלע איניציאַטיוו, וואָס דער שונא פאַרמאָגט נישט.

האָט דער שונא זיך באַגנוגנט ביינאַכט מיט אַ שווערע האַר־מאַטן־באָמבאַרדירונג פון די דגניה׳ס. און אויף־צו־מאָרגנס, 8 אַ זייגער, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אויפן שאָסיי רייען פון טאַנקן און פאַנצערס אין דער ריכטונג פון די דגניה׳ס, און הינטער זיי געפּאַקטע אויטאָבוסן מיט סאָלדאַטן. מיט דער דעראָבערונג פון די דגניה׳ס האָט דער שונא געהאָפט זיך דורכרייסן אַוועג קיין **טבריה.**

ביים אַריינגאנג קיין דגניה האָט דער שונא זיך נישט אָנגעשטויסן אין פעסטונגען; אויך דער שאָסיי איז נישט מינירט געוואָרן. אַ שווערער פייער פון האַרמאַטן און מאַשינען־געווער האָט איינגעהילט די ווירטשאַפטן און גענייט טויט און צעשטערונג. נאָך אַ שלאַכט פון עטלעכע שעה איז דעם שונא געלונגען דורכרייסן דעם צוים פון דגניה א׳. זיי האָבן אָנגעגריפן איין שוץ־טראַנשיי און נאָך זיי האָט זיך געדאַרפט אַ לאָז טאָן אויך דאָס פוסגייער־מיליטער. אין דעם אַנשיידנדיקן מאָמענט האָבן די מענטשן פאַרלאָזן די טראַנשייען און אָנגעהויבן שליידערן מאָלאָטאָוו־צינד־פלעשער אויף די פיינטלעכע פאַנצערס. עטלעכע פון זיי האָבן אָנגעהויבן ברענען. ווען די אָנגרייפענדיקע סאָלדאַטן האָבן דערזען ווי די טאַנקען ברענען — האָבן זיי זיך אַ וואַקל געטון. אָוונט־צו, נאָך 8 שעה פון קאַמף, האָט דער שונא גענומען זיך צוריקציען. ער האָט באַקומען ידיעות, אַז פלמ״ח־אָפּטיילונגען זיינען אַריינגעדרונגען הינטער זיינע ליניעס און ער האָט מורא געהאַט פאַר אַרומרינגלונג. אָבער דער פלמ״ח האָט אָנגעהויבן נאָכיאָגן דעם צוריקטרעטענדיקן שונא און האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, איידער ער האָט נישט צוריק דעראָבערט צמח אַליין. שפּעטער זיינען צוריק דעראָבערט געוואָרן אויך די חורבות פון מסדה און שער הגולן. ד ע ר מ ע נ ט ש ה א ָ ט ב א ַ ז י ג ט ד י מ א ַ ש י ן.

ס׳איז געווען 11 אַ זייגער ביינאַכט, ווען איך האָב באַזוכט די געגנט צווישן די דגניה׳ס און צמח. ס׳איז שוין געווען נאָך דער וואַפנשטילשטאַנד־פּראָקלאַמירונג, אָבער פון די טראַנשייען אין צמח האָט זיך געהערט אַ שיסעריי פון מאַשינען־געווער. אויף איין טראַנשיי איז געשטאַנען אַ טאַנק פון שונא; אַן אמתער 12־טאָניקער טאַנק. כ׳האָב געעפנט זיין טורעם — אינעווייניק זיינען געווען די פאַרברענטע ביינער פון שאָפער. „ער האָט געפּרוווט זיך אַרויסרייסן פונם ברענענדיקן טאַנק, מיט זיין רעוואָלווער האָט ער געשאָסן און פאַרוווּנדעט איינעם פון אונז, אָבער מיר האָבן אים גלייך ליקווידירט״ — האָט מיר אַ זאָג געטון די טאָכטער פון דגניה. מיט

אַרום 300 פּאַרלוסטן האָט דער שונא באַצאָלט זיין פּרווו זיך אריינרייסן אין די דגניה׳ס. אָבער אויך די צאָל פון אונזערע געהרגעטע גרייכט אין די צענטליקער, צענטליקער זיינען פאַר־וווּנדעט געוואָרן און צענטליקער פעלן — ווייזט אויס געפאַנגען.

כ׳האָב געזען די חברים פון די פאַרברענטע פונקטן און כ׳האָב מיך געוווּנדערט. פאַר זיי, וואָס יעדעס הויז אין דערווירטשאַפט איז אַזוי טייער, וואָס יעדער חבר איז אַ גאַנצע וועלט, און יעדער באַוואָסערטער שטיק פעלד מיינט יאָרן פון מי — איז דאָסמאָל געווען דער עיקר, וואָס דער שונא איז צוריקגעשטויסן געוואָרן צו זיינע גרענעצן.

צפת־קאַפּיטלען

דעמאָראַליזאַציע

דער וואָס שטייט ביים היינטיקן טאָג אויף דער פעסטונג פון צפת, אויף איר שפּיץ, זעט באַשיינפּערלעך די נעץ פון פעסטונגען וואָס דער שונא האָט אויסגעבויט אויפן אָרט, די שוץ־פּאָזיציעס אין דער טיף פון שטח, געבויט מיט פאַרשטאַנד און אָרדנונג און צוגעפּאַסט צו אַ פאַרטיידיקונג פון הויז צו הויז — אויך ווען די פעסטונג זאָל איינגענומען ווערן; און ווער עס קוקט זיך צו צו דער פּאָליציי־געביידע אויפן הר כנען, וואָס הערשט איבער גאַנץ צפת און אירע קאָמוני־קאַציע־וועגן, — וועט זיך וווּנדערן, פאַרוואָס איז פאַרלאָזן געוואָרן אַ שטאָט פון 13 טויזנט איינוווינער מיט 3400 קעמפער אונטערן דרוק פון אַ פּלמ״ח אָפּטיילונג, צענפאַך קלענער אין צאָל און וואָס האָט זיך געפונען אין די צומייסט אומגינסטיקע סטראַטעגישע פּאָ־זיציעס. דאָס קען נישט דערקלערט ווערן, ווי נאָר דורך דעמאָראַ־ליזאַציע. דער קאַמף־גייסט פון די אַנגרייפער האָט עס דעמאָ־ראַליזירט די באַפעלקערונג און אירע קעמפער.

צפת איז דער „דענאָנאַטאָר״ פון גליל — האָט דערקלערט דער וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער דעראָבערונגס־אַקציע. דער נערוון־קנופּ, וואָס האָט אויפגעבונטעוועט און אויפגערייצט די אַראַ־

בער פון גליל — דער „קאָנטראַבאַנדע־יצר־הרע", אַזוי־צו־זאָגן. און פון אַט דעם קנופּ פירט אַ גלייכע ליניע צום באַקאַנטן גרענעץ־דאָרף סעסע.

די מפּלה אין צפת איז געווען דער לעצטער קלאַפּ, וואָס האָט צו־נישט געמאַכט די אַראַבישע מלחמה־חשבונות אין גליל. די איניציאַטיוו איז אַריבער צו אונז. דער פראָנט איז איבערגערוקט געוואָרן און די שליסל־פּאָזיציע צום האַרץ פון גליל איז אַריבער אין אונזערע הענט.

די יידישע צפת, וואָס איז אָנגעשפּאַרט אָן דער פעסטונג צום צפון און ציט זיך באַרג־אַראָפּ צום טאָל; באַשאָסן פון דער פעסטונג אויבן און באָמבאַרדירט דורך האַרמאַטן פון אונטן, — האָט איינגענומען די פעסטונג און אַלע פּאָזיציעס וואָס הערשן אויף דער אַראַבישער צפת און אַלע סטראַטעגישע געביידעס אינם גרע־נעץ־געביט.

דעם 12־טן מאַי אין דערפרי האָט צפת געגאָסן, דעם ערשטן מאָל זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, פון דער באַרימטער מיסטערישער רוהיקייט וואָס איז אויסגעגאָסן אויף איר. עס איז פאַרביי די געפאַר פון שראַפּנעלן און קוילן.

זינט די פּאָליציי־געביידע אויפן הר כנען איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון שונא, איז קיין צפת נישט אָנגעקומען קיין איין אויטאָ מיט פּראָוויאַנט און שפּייז; אַלץ האָט מען געטראָגן אויף די פּלייצעס. נאַכט נאָך נאַכט פלעגן גאַנצע קאָנוואָיען שלעפּן אויף פּלייצעס וואָפן און פּראָוויאַנט, פאַרביי די פיינטלעכע דערפער ביים וועג. צום טייל האָבן זיך געטיילט דער מענטש און דער אייזל מיט דער משא; און דער מענטש, ווייזט אויס, האָט גאָר קיין גרענעץ נישט צו זיין אָנשטרענגונג — אַזוי זאָגט דער צפת׳ער שפּריכוואָרט.

און ווען דו ביזסט אַרויף דעם 12־טן מאַי אויף דער פעסטונג און געזען צופוסנס די טרויעריק־אומעטיקע שטאָט, נישט מורא האָבנדיק פאַרן פיינטלעכן פייער, — האָט זיך אין דיין האַרץ אַריינ־געגנבעט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג, וואָס מיטן כוח פון דער

פאניק איז געלונגען אַרויסטרייבן די לעצטע אַראַבישע קעמפער פון צפת פון זייערע פּאָזיציעס.

ערב דעם קאַמף

איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון צפת, דעם 1־טן מאַי, איז די לאַגע פון דער יידישער צפת געווען גאַר קריטיש.

די פּאָליציי־געביידע אויפן באַרג כנען (וואָס הערשט אויפן שאָסיי ראָש־פינה—צפת און אויפן דורכגאַנג פון הר כנען צו דער יידישער שטאָט) — איז אַריבער פון די ענגלענדער אין די הענט פון אינוואַזיע־באַנדעס. די פעסטונג — אַ רעשט פון אַן אַלטער פעסטונג אויפן שפּיץ בארג — וואָס האָט „געריטן" אויפן יידישן קוואַרטאַל אונטן, אויך אין אַראַבישע הענט. און אויסער דעם אַלעמען — דער אַראַבישער קוואַרטאַל, און די אַראַבישע דערפער אַרום, וועלכע האָבן געשאַפן אַ גאַרטל־בלאָקאַדע אַרום דעם יידישן קוואַרטאַל.

שטאַרק און גוט באַוואָפנט איז געווען די אַראַבישע צפת. נאָך דעם ווי אונזערע כחות האָבן זי דעראָבערט, האָבן זיי אין איר געפונען אוצרות פון וואָפן און אַמוניציע, שפּייז און מעדיקאַמענטן. די אַראַבער האָבן אויך געגאָסן פון פרייער קאָמוניקאַציע אויף די וועגן; און הינטער זיי איז געווען דער שטאַרקער און זיכערער הינטערלאַנד — דער גרויסער אַראַבישער דאָרף אַקבאַראַ.

דער ערשטער עטאַפּ

דער ערשטער עטאַפּ אין דער באַפרייונג פון צפת איז געווען די דעראָבערונג פון דאָרף עין זיתון, וואָס ליגט אין טאָל, צופוסנס דער שטאָט.

מיט אַ געוואַגטן מאַנעוור, דעמאָנסטרירנדיק אַ מעכטיקן פייער־כוח (וואָס האָט געזאָלט דינען אויך אַלס פּסיכאָלאָגישע צוגרייטונג צום אָנגריף אויף צפת גופא) — האָבן אונזערע מענטשן אַריינגעדרונגען אין דאָרף וואָס האָט געברענט פון די דורך אונז

געצײלטע שראַפּנעלן — און אים ליקווידירט. מער ווי 100 פּאַרלוסטן זײנען פֿאַרשאַפֿט געוואָרן די אַראַבער פונם דאָרף, און אונזערע מענטשן האָבן דעראָבערט אַ סך וואָפן און אַמוניציע.

זעקס מענטשן נעמען אײן אַ דאָרף

אין דערזעלבער צײט, כמעט „אָן אַ כוונה", האָט אַ גרופּע פון זעקס מענטשן מיט אײן אויטאָמאַט און פינף ביקסן, אײנגע־נומען דעם אַראַבישן דאָרף ביריה.

די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען, זיכערן, אַז עס זאָל נישט קומען קײן פֿאַרשטאַרקונג פון ביריה; זי האָט פֿאַרנומען אַ באַהעלטניש־פּאָזיציע אויף אַ בערגל וואָס פון אים זעט מען בײדע דערפער.

ווען די גרופּע האָט זיך פֿאַרפעסטיקט אין איר פּאָזיציע, איז זי שווער באַשאָסן געוואָרן דורך די אַראַבער פון דער פּאָליצײ־סטאַ־ציע אויפן הר כנען. זי איז געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן דעם אָרט. דער קאָמאַנדיר איז געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַ שנעלער אַנטשײדונג: צוריקטרעטן און פֿאַרלאָזן דעם בערגל און אַזױאַרום נישט דערפילן זײן אויפגאַבע, אָדער מאַרשירן פֿאָרויס און אײנעמען פּאָזיציעס וועלכע ליגן נענטער צו ביריה — אין אַ געביט, וווּ דער פײער פון הר כנען גרײכט נישט.

ער האָט אָנגענומען דעם ריכטיקן אָבער געוואַגטן באַשלוס — פֿאָרויס! ווי־נאָר ער האָט אָנגעהויבן מאַרשירן פֿאָרויס, איז ער באַשאָסן געוואָרן פון ביריה אַלײן. אינם קורצן קאַמף וואָס האָט זיך דאָן אַנטוויקלט, האָט די גרופּע אײנגענומען אײנעם פון די עקסטרעמע הײזער פון דאָרף, זיך פֿאַרפעסטיקט אין אים — און גע־ענטפערט מיט פײער. די אַראַבער פון דאָרף זײנען געווען זיכער, אַז גרויסע כחות זײנען געקומען זײ פֿאַרניכטן — און זײנען אַנטלאָפן.

די זעקס מענטשן האָבן פֿאַרגעזעצט זײער מאַרש פֿאָרויס — און אין דער פרי איז דעם קאָמאַנדיר פון דער אַקציע קלאָר געוואָרן, אַז בײדע אַראַבישע דערפער זײנען דעראָבערט געוואָרן.

אונזער ערשטער שטורם־אַנגריף

נאָך די דאָזיקע דעראָבערונגען איז שטאַרק געפאַלן דער קאַמף־גייסט פון די אַראַבער. און נאָר דערמיט לאָזט זיך דערקלערן זייער ענטגילטיקע מפּלה. אין ריין־סטראַטעגישער הינזיכט איז די מפּלה זייערע נישט געווען באַרעכטיקט. אויך נאָך דער דעראָבערונג פון טיריה און עין זיתון האָבן די אַראַבער געהערשט איבער דער פעסטונג, דער שטאָט, דער פּאָליציי־סטאַציע, דער פּאָליציי־סטאַציע אויפן באַרג כנען אויסער דער שטאָט און אַ ריי אַנדערע וויכטיקע שטיץ־פּונקטן.

אונזער ערשטער שטורם־אַנגריף איז געווען געריכטעט קעגן דער פעסטונג, וואָס איז געווען ווי־געהעריק באַפעסטיקט. מיר האָבן אין איר געפונען אַלע נויטיקע איינריכטונגען פאַר אַ קאָנצענטרישער פאַרטיידיקונג, אויסגראָבונגען, טראַנשייען, פאַרבינדונגס־קאַנאַלן, פעסטונגען. נאָך אַ גאָר שווערן קאַמף האָבן מיר איינגענומען דעם דאָזיקן וויכטיקן פּונקט.

די דעראָבערונג פון דער פּאָליציי־סטאַציע

אַ שווערער און אכזריותדיקער קאַמף האָט זיך געפירט אַרום דער שטאָטישער פּאָליציי־סטאַציע. פינף מאָל האָבן מיר געשטורעמט די דאָזיקע באַפעסטיקטע געביידע, — ביז ס'איז אונז געלונגען דורכברעכן אין איר אַ וואַנט, זיך אַריינרייסן אינעווייניק, ליקווידירן ווידערשטאַנדס־נעסטן און זי פולשטענדיק באַהערשן.

מיט דער דעראָבערונג פון די פּונקטן איז אַנטשיידן געוואָרן די שלאַכט. די אַראַבער האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן מאַסנוויַיז און אין פּאַניק, נישט מיטנעמענדיק מיט זיך גאָרנישט פון זייער אייגנטום און וואָפן.

די איינציקע אַרבעט וואָס ס'איז אונז איצט פאַרבליבן איז געווען — ליקווידירן די „סנייפּערס״ (ציל־שיסער). שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַראַבער האָבן פאַרלאָזן אויך די לעצטע אַנגלאָ־בריטישע פעסטונג — די פּאָליציי־סטאַציע אויפן באַרג כנען.

אַריינגייענדיק אינם אַראַבישן קוואַרטאַל האָבן מיר אַנטדעקט אַ ריזיקע מינע, וואָס דער שונא האָט פאַר אונז צוגעגרייט. די מינע איז דעמאָנטירט געוואָרן.

די שליסל־שטאָט און אויסקוק־טורעם פונם גליל העליון — אין אונזערע הענט.

איין אויספיר לאָזט זיך מאַכן: געזיגט האָט דאָ דער קאַמף־גייסט פון די הגנה־סאָלדאַטן. די אַראַבער זיינען געפאַלן צוליב זייער געפאַלענעם גייסט. ווען די יידן וואָלטן פאַרטיידיקט די שטאָט — וואָלט זי נישט איינגענומען געוואָרן.

הינטער די פראָנט־ליניעס פון שונא

די דאָזיקע אַקציע האָט געמוזט דורכגעפירט ווערן שנעל, אויסנוצנדיק דעם סיורפריז־פאַקטאָר, און דעריבער האָט יעדער איינער פון אירע אָנטיילנעמער געדאַרפט געגוי וויסן די טאָפּאָגראַפישע לאַגע פון שטח און דעם כוח פון שונא, כדי ער זאָל קענען האַנדלען, ווען נויטיק, זעלבסטשטענדיק.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַפּראָוויזאַציע־לאַגער פון שונא׳ס מיליטער, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע קילאָמעטער אין דער סירישער טעריטאָריע, נישט ווייט פון סירישע מיליטער־קאָנצענטראַציעס.

ביים שיין פון דער לבנה זיינען מיר אַ דורך דעם ירדן, זיך אַרויסהעלפענדיק מיט שטריק. אין אָט דער צייט איז דער ירדן טיף — ווייל ער נעמט צו וואַסער פון דעם צעגאַנגענעם שניי אויפן חרמון־באַרג. אויף אומוועגן, צווישן פעלזן און הויכע דערנער, זיינען מיר אָנגעקומען צום אָרט ווו מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט — אַ צוויי־שטאָקיקן הויז אַרומגערינגלט מיט ביימער.

מיר זיינען געווען אין רוקן פון שונא. די מענטשן זיינען געווען

געשפּאַנט. סוף סוף נישט יעדן טאָג קעמפּט מען אין אַ פרעמד לאַנד.

די שטורם־אָפּטיילונג האָט זיך גענומען דערנענטערן צום לאַגער. נישט ווייט פון צוים האָט זיך אַנטפּלעקט דער אָרט. ס'האָט זיך געהערט אַ שטים: מן האַדאַ? (ווער) — און דער ענטפער איז געווען: אַ סעריע קוילן.

מיט אַ פּאָר שפּרונגען איז דער חבלן (סאַבאָטאַזשניק־צערשטערער) געווען ביים צוים מיט דער „בונגלאָרע" (אַ מינע אין דער פאָרם פון אַ שטעקן וואָס דינט צום אויפרייסן צוימען). דער צוים איז אויפגעריסן געוואָרן, און מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין שטורם אויף דער געביידע.

דער שונא איז געווען געפּלעפט, זיין פאַרטיידיקונג נישט קאָאָרדאָנירט און דער פייער אָן אַ קאָנטראָל. נאָך אַ קורצן קאַמף, אין וועלכן ס'זיינען דערהרגעט געוואָרן 10 סאָלדאַטן און איין אָפיציר איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, האָבן מיר זיך גענומען צו דער צעשטערונגס־אַרבעט. דזשיפּן, מאַטאָציקלען, האַרמאַטן און פערד זיינען פאַרברענט געוואָרן. אַ בענזין־לאַגער איז אונטערגעצונדן געוואָרן און גורם געווען צום אויפרייס פון אַן אַמוניציע־לאַגער. אַ 30 געצעלטן זיינען אויך פאַרברענט געוואָרן.

אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן האָבן מיר זיך צוריקגעצויגן, ביים געקנאַל פון אויפרייסן און ביים שיין פון דער שרפה.

דער געפאַנגענער אָפיציר האָט דערציילט, אַז אויפן אָרט זיינען געווען אַ 250 סאָלדאַטן, און אַז ער האָט געדינט אַלס פאָדערשטער אַפּראָוויזאַציע־לאַגער.

די אַקציע איז ענלעך צו די טראַדיציאָנעלע פּלמ"ח־אַקציעס.

ע מ ק י ז ר ע א ל

די שלאַכט פון משמר העמק

נאָכדעם ווי די הגנה האָט שווער אָנגעגריפן די באַזעס פון דער „אַראַבישער באַפרייונגס־אַרמיי״, האָט זיך דעם 4־טן מאַי אָנגע־הויבן אַן האַרמאַטן־באָמבאַרדירונג פון משמר העמק, אונטער דער קאָמאַנדירונג פון פאוזי קאוקדזשי. נאָך דער באָמבאַרדירונג איז געקומען אַ פּרווו פון דעראָבערונג, און ווען ער איז אָפּגעשטויסן געוואָרן — איז אויפגעשווומען אַן אַראַביש־בריטישער וואָפנשטיל־שטאַנד־פאָרשלאָג אין דער סביבה.

...זינט עטלעכע טעג האָבן מיר געהאַלטן אין קאָנצענטרירן גרויסע כוחות פון פלמ״ח און חי״ש פון אַלע טיילן לאַנד, כדי צו־נישט־מאַכן קאוקדזשיס פּלאַן אָפּצומעקן משמר העמק פון דער ערד. פון די אויסקוק־פּאָזיציעס פון משמר העמק האָט מען טאַקי געקענט זען, ווי־אַזוי פאַרשידענע הגנה־אָפּטיילונגען פאַרנעמען סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין די וועלדלעך און בערגלעך מערב־צו פון קיבוץ און גרייטן זיך צו אַ דעצידירנדיקער גרויסער שלאַכט. דער פעלד־ראַדיאָ האָט אָן אויפהער אויפגענומען טראַנסמיטירונגען פון שטאַב צו דער באַוועגלעכער פעלד־קאָמאַנדירונג. דער קאָמאַנ־דיר האָט טראַנסמיטירט צו די אָפיצירן ידיעות וועגן די באַוועגונגען פון שונא, וועגן דער ריכטונג אין וועלכער עס באַוועגן זיך די פאַרשטאַרקונגען פון דער הגנה, וועגן אָפּטריט־וועגן א.אַז.וו.

פון דער זייט פון אַבו־שושא האָבן זיך, פון צייט צו צייט, באַוויזן די קעפּ פון די איראַקישע סאָלדאַטן, איינגעהילט אין ראָזע קעפּיעס, ווי זיי קוקן אַרויס פון זייערע פּאָזיציעס. דער דאָרף האָט

ווייזט אויס דערשפּירט, אַז אַ גרויסער כוח גרייט זיך קעגן אים — און האָט זיך נישט געאײַלט צום פּאַרמעסט.

אויך די ענגלענדער האָבן געוווּסט וועגן דעם גרויסן אָנגריף, וואָס האָט זיך געזאָלט אָנהויבן יעדן מאָמענט. מיטאָג־צײַט האָט זיך טאַקע באַוויזן אַ בריטישער שטאַב־אויטאָ ביים טויער פון משמר העמק. אַן ענגלישער קאָלאָנעל (אַ מאָנאָקל אין לינקן אויג, אַ דין שטעקעלע אין זײַן רעכטער האַנט) איז אַרויס פון אים.

„צי קען איך רעדן מיטן אָרטיקן הגנה־קאָמאַנדיר ?"

„וועגן וואָס האַנדלט זיך ?"

„איך בעט פאַרלענגערן דעם וואָפנשטילשטאַנד לכל הפּחות אויף 24 שעה".

„מיר וועלן איבערשיקן אייער בקשה צו די געהעריקע אינס־טאַנצן".

„כ'האָב מורא, אַז איר געפינט זיך נישט אין אַ גינסטיקער לאַגע, אַז איר זאָלט אָפּוואַרפן אַזעלכע ברייטהאַרציקע פאָרשלאָגן".

דער הגנה־קאָמאַנדיר האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„דאָס וועלן מיר נאָך זען".

דער קאָלאָנעל איז אַוועקגעפאָרן.

אין פינף מינוט אַרום האָבן זיך געהערט די ערשטע אויפרייסן.

עס איז געווען אַ וווּנדערבאַר בילד, ווי־אַזוי אונזערע מענטשן לאָזן זיך אַראָפּ פון די בערג, באַווייזן זיך דאָ און דאָרט, צווישן טונקעלע וועלדלעך און אָפענע פעלדער. אויפן הינטערגרונד פונם רויטן הימל און פאַרגייענדיקער זון האָבן זיך באַוויזן די גרויסע שאָטנס פון אונזערע אָפּטיילונגען ווי זיי דערנענטערן זיך צו זייערע צילן.

אין דרום זייט פון משמר העמק געפינט זיך דער „ווולקאַן". אַן אויסגעלאָשענער ווולקאַן. אָנהויב וואָך האָבן די עיראַקישע סאָלדאַטן אַוועקגעשטעלט אויף אים לייכטע פעלד־האַרמאַטן און באָמבאַרדירט משמר העמק. אָט דער באַרג איז עס געווען דער ערשטער ציל פון אונזער אָנגריף. פון אַ דערבייאיק בערגל האָט אַ שווערער מינען־וואַרפער געשאָסן אָן אויפהער שראַפּנעלן אויפן

וווּלקאַן־באַרג — און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אָנגרייפער ביי אים צופוסנס. דער באַרג איז געווען איינ־געהילט אין רויך — און געענטפערט מיט אַ שטאַרק פייער פון אויטאָמאַטיש געווער. און אָט זיינען דערשינען אונזערע בחורים ביי אים צופוסנס — עס זיינען נישט פאַרביי קיין 20 מינוטן און זיין שפּיץ איז איינגענומען געוואָרן אין שטורם, אין אַ קאָאָרדינירטן אָנגריף פון ביידע זייטן.

ווען אונזערע מענטשן זיינען שוין געשטאַנען אויפן שפּיץ פונם גרויסן וווּלקאַן און פון קלענערן, רעכטס פון אים (וואָס איז אויך אַן ענלעכן אופן דעראָבערט געוואָרן), האָט מען געקענט אָנ־עמען, אַז איצט וועט איינטרעטן אַ קורצער איבערייס אין די קאַמפן און אַז אונזערע מענטשן וועלן אַ ווייל אָפּרוהען. אָבער נישט אַזוי איז געשען. ווי־נאָר דער ערשטער כוח איז אַרויף אויפן שפּיץ באַרג, זיינען אַהין געבראַכט געוואָרן אונזערע מינען־וואַרפער און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער אָנגריף קעגן דעם שונאס הויפּט־באַזע און דעם זיך־אָרט פון זיין שטאַב — דעם דאָרף פוקא, וואָס ליגט אַן ערך אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פון משמר העמק, 170 מעטער אין דער הויך.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז אָט דער אָנגריף פון אַ הויך בערגל, וואָס זיינע פּאָזיציעס זיינען געווען באַפעסטיקט און אויסגעשטאַט מיט מאָדערנעם אויטאָמאַטישן געווער, וועט אָנקומען שווער און פאָדערן קרבנות. מען האָט דערוואַרט אַ שווערע און פאַרצויגענע שלאַכט... אָבער אָט איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו אַן אַנדער אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן הינטער דעם דאָרף און האָט אָנגעגריפן די פאַרשטאַרקונגס־ליניעס פון שונא, אַז אויך זי זאָל אַטאַקירן דירעקט דעם דאָרף פון הינטן. און אין אַ קאַרגע האַלבע שעה אַרום זיינען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות:

„אונזערע סאָלדאַטן שטייען ביים איינגאַנג פון דאָרף”. אין מיטל־פונקט פון דאָרף האָט כסדר אויפגעבליצט אַ פייער־פונק און פאַרלאָשן געוואָרן. אויפגעבליצט און פאַרלאָשן געוואָרן — דאָס איז

געוועזן אַ שווערער מינען־וואַרפער פון שונא וואָס האָט אָן אויפהער געשאָסן זיינע שראַפּנעלן אין דער ריכטונג פון די אָנגרייפער און אויף זייער באַזע וואָס אויפן ווולקאַן.

„האַללאָ משמר העמק! האַללאָ משמר העמק! האָט זיך געהערט די שטים אינם ראַדיאָ־אויפנעמער פון קיבוץ. חגי טעלעגראַפירט! חגי טעלעגראַפירט! אויב דו קענסט, ריכט דיין מינען־וואַרפער אויפן צענטראַלן פונקט פון דאָרף ווו ס'געפינט זיך דער מינען־וואַרפער פון שונא. נאָר פאָרזיכטיק, ציל נישט רעכטס, דאָרט געפינען זיך אונזערע מענטשן. האַללאָ משמר העמק! האַללאָ משמר העמק!"

דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט האָט שנעל געצייכנט אויפן פּאַפּיר. ער האָט איבערגעגעבן דעם פּאַפּיר צום פאַרבינדלער פון דער אויסקוק־פּאָזיציע. דער לעצטער איז אַוועקגעלאָפן צום קאָמאַנדיר־שטאַב.

דער קאָמאַנדיר האָט זיך אַ לאָז געטון צום טעלעפאָן:

„האַללאָ פּאָזיציע 6!? ציל אין צענטער פון פוקאַ. ציל 1400 מעטער. דער פייער־פעלד — נישט מער ווי 100 מעטער. פאָרזיכטיק נישט צילן רעכטס, דאָרט געפינען זיך אונזערע מענטשן".

„בסדר" — האָט געענטפערט אַ שטים פון דער פּאָזיציע נומער 6 נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעחזרט אויפן באַפעל.

דער מינען־וואַרפער האָט באַקומען באַפעלן דורכן טעלעפאָן. דער ערשטער שראַפּנעל איז געשאָסן געוואָרן. נאָך איינער, און נאָך איינער. איצט דאַרף מען ציילן ביז 23 און וואַרטן אויף דעם אויפרייס.

„האַללאָ משמר העמק! האַללאָ משמר העמק! גראַנדיעז. איר האָט פּינקטלעך דערפילט די אויפגאַבע. דעם שונאס פּאָזיציע איז איינגעשטילט געוואָרן. דער שונא איז אַנטלאָפן אין פּאַניק!"

די פלמ"ח סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די פּאָזיציעס פון דאָרף. אַריינגעריסן זיך אין די הייזער. אין אַ פערטל שעה אַרום איז דער דאָרף געווען אין זייערע הענט. אַ סך וואָפן און מלחמה־מאַטעריאַל איז פאַרכאַפּט געוואָרן.

די חברים אין משמר העמק האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. במשך פון אַ וואָך צייט האָבן זיי אַליין אויסגעשטאַנען די אָנגריפן פון האַרמאַטן און שווערע מינען־וואַרפער. אויך די דעראָבערער פונם אַראַבישן דאָרף זיינען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. מען האָט שנעל פאַרנומען די באַפעסטיקטע פּאָזיציעס פון שונא, זיך געהאַלזט און געקושט. ס׳איז אָבער נישט געבליבן קיין סך צייט צום פרייען זיך.

די אַראַבער וועלכע האָבן זיך צוריקגעצויגן זיינען שווער אָנגעגריפן געוואָרן דורך אַן אָפּטיילונג פון דער הגנה, וואָס איז געווען אין אַ באַהעלטניש, און זייערע פאַרשטאַרקונגס־ליניעס זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן — האָבן זיך געמוזט צוריקציען און זיך אָרגאַ־ניזירט צו אַ פאַרצווייפלטן אָנגריף אויף זייער פאַרנומענעם דאָרף. אַ גאַנצע נאַכט זיינען אונזערע דעראָבערונגס־אָפּטיילונגען אין יענעם דאָרף און אין די אַרומיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין דער געגנט וועלכע זיינען איינגענומען געוואָרן, געשטאַנען אונטערן אומאויפ־הערלעכן פייער פון שונא וואָס האָט געמאַכט אַלע באַמיונגען צו דעראָבערן צוריק זיין פאַרלאָרענעם דאָרף. די מינען־וואַרפער און אויטאָמאַטן האָבן זיך ערשט איינגעשטילט נאָך 3 אַ זייגער ביינאַכט, ווען ביידע צדדים זיינען געוואָרן מיד פון דער שלאַכט וואָס האָט זיך שוין געצויגן איבער 9 שעה.

אָבער ווי־נאָר די עיראַקער האָבן זיך אויסגעניכטערט פון זייער מפּלה, ווי־נאָר זיי האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט, — האָבן זיי אין די פרימאָרגן־שעהן באַנייט דעם אָנגריף. און ווידער האָבן גע־דונערט די בערגלעך. אַ פאַרשטאַרקונג פון שונא איז געלונגען צוקומען צום אָרט, דורך די בערג, און אויך אונזערע כוחות זיינען פאַרביטן געוואָרן דורך נייע.

אָבער אין דער זעלבער צייט זיינען אינם קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער הגנה אויסגעאַרבעט געוואָרן נייע אָנגריף־און דעראָבערונג־פּלענער. אין צפון־זייט פון משמר העמק האָט זיך געפונען דער באַ־קאַנטער דאָרף אבו־שושא — און אין אים הונדערטער עיראַקישע סאָלדאַטן, וואָס כל זמן זיי זיינען נישט פאַרניכטעט געוואָרן —

איז דער זיג נישט געווען פולשטענדיק. אַ זייגער 9.30 האָבן זיך באַוויזן אונזערע אָפּטיילונגען, ווי זיי באַוועגן זיך פון די וועלדלעך פון משמר העמק אין דער ריכטונג פון דאָרף. אין צען מינוט אַרום זיינען שוין זיינע ערשטע הייזער געווען אין אונזערע הענט. זיי האָבן געשליידערט האַנט־גראַנאַטן אין די הייזער, און די אַראַבער זיינען אַנטלאָפן אין גרויס פּאַניק דורך די פענצטערס און שפּאַרונעס צו די לעצטע הייזער פון דאָרף, איבערלאָזנדיק אַ שלל מיט וואָפן. די הגנה־חברים האָבן זיי נאָכגעיאָגט, געהרגעט אַ סך פון זיי און גענומען עטלעכע אין געפאַנגענשאַפט. אַ שעה נאָכן אָנהויב פון אָנגריף איז דער גאַנצער דאָרף שוין געווען אין אונזערע הענט. אין די ברענענדיקע און באָמבאַרדירטע הויפן האָבן זיך נאָר אַרומגע־דרייט הינער...

און קאַוקדזשי בכבודו ועצמו איז געזעסן אין אַ דערבייאיק דאָרף און געשיקט כסדר בריטישע שליחים צו דער הגנה מיט דער פאָדערונג צו שליסן מיט אים אַ „וואָפנשטילשטאַנד". ער האָט אויך איינגעלאַדן צו זיך די הגנה־פאָרשטייער, אָבער דער ענטפער איז געווען, אַז די הגנה וויל בעסער זיך טרעפן מיט אים אויפן שלאַכט־פעלד...

בית לחם און וואַלדהיים אין יידישע הענט

צענדליקער יאָרן האָבן די בליקן פון די בויער פון עמק יזרעאל באַגלייט די דאָזיקע ברייטע פעלדער — אַ באַדייטנדיקער טייל פון מערבדיקן עמק וואָס האָט זיך געפונען אין דייטש־נאַצישע הענט איז געווען געגליכן צו אַ פּאַראַליזירטן גליד, וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון לעבעדיקן קערפּער. דער יונגער דור וואָס איז אויפגע־וואַקסן אין די עמק־ישובים האָט נישט משלים געווען מיט אָט דער שרייענדיקער עוולה. און אָט איז געקומען דער אויסגעגאַרטער טאָג.

מיין באַגלייטער, וואָס האָט אויף אַ מינוט נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דעם סטען, הויבט אויף אַ נאָך נישט צייטיק זאַנג פון

באָדן — און ווייזט מיר מיט אים די גרענעצן פון די שטחים וואָס גייען אַריבער אין יידישע הענט. 16 טויזנט דונאָם ליגן אויסגעשפרייט ווי אַ פאַרברייכער טעפּיך. וואָס־פאַראַ גרויסע שאַפונגס־מעגלעכקייטן שטעקן אין אָט דעם שטיק פּרוכטבאַרן באָדן!

ארץ ישראלדיקער פרילינג. ריחות און דופטן. לאַנגזאַם גייען מיר אַראָפּ פון וואָגן ביים טויער פון בית־לחם. די איינציקע ציווילע וועלכע געפינען זיך דאָ, זיינען חברים פון קיבוצים און ארגונים, וואָס זיינען גערופן געוואָרן אַהער כדי זיך באַשעפטיקן מיט דער גרויסערווירטשאַפט. אַ בליק אין אַ הויף — און דו באַמערקסט גלייך, אַז באַמיטלטע יוסטע איניציאַטיוו־רייכע מענטשן האָבן דאָ געהויזט. הגם די איינריכטונגען זיינען נישט לויטן טעם פון יידישן לאַנדווירט, קען מען נישט פאַרלייקענען, אַז אויפן יסוד פון דער עקספּלואַטירטער אַראַבישער אַרבעט איז דאָ אויפגעבויט געוואָרן אַ הויך־אַנטוויקלטע ווירטשאַפט. אונזערע מענטשן זאָרגן פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, פאַרן לעבעדיקן אינווענטאַר.

אַ לאַנגע גאַס. יעדער הויף — ווי אַ ווילע באַצירט מיט בלומען. אין די הייזער — אַ שלל פון נאַצישע ליטעראַטור און בילדער פון זייערע גדולים. און עס זיינען אויך פאַראַן באַווייזן, אַז די דאָזיקע נאַציס זיינען נישט געבליבן „נייטראַל" אויך אין דער יידיש־אַראַ־בישער מלחמה. אָט האָט מען אַנטדעקט אויפן בית הקברות אין וואַלדהיים צוויי פרישע מצבות, וואָס אויף זיי זיינען געווען אויס־געקריצט נעמען פון דייטשן, וועלכע זיינען געפאַלן אין די שלאַכטן... אין כפר עציון. אין איין הויז האָבן זיך געמערקט סימנים פון רעוויזיע וואָס איז געמאַכט געוואָרן, ווייזט אויס, מיט גרויסן צאָרן און ווּט. דאָ האָט מען געפונען „יידן־זייף". ווי־אַזוי האָט מען געקענט אַזוי־לאַנג לעבן אין אָט דער שכנות?

אָן אַ שמץ פון באַרימעריי דערציילט דער קאָמאַנדיר פון אָרט, וואָס טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער זיכערהייט פון דער קאָלאָניע און פאַר דער ווירטשאַפט:

מיר האָבן געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון שונא, און א שעה

נאָך דער דעראָבערונג פון וואַלדהיים זיינען מיר אַוועק קיין בית לחם און זי איינגענומען. די געפאַנגענע דייטשן האָבן מיר אַרעסטירט. די פאַרשטייער פון דער בריטישער מאַכט האָבן אָבער אויך איצט געפונען צייט צו באַזאָרגן זיך וועגן זיי — און אַוועקגעפירט צו זיך די געפאַנגענע דייטשן. דער קאָמאַנדיר איז גליקלעך, וואָס אויף אָט דעם באָדן וועלן בקרוב זיך באַזעצן יידישע יוגנטלעכע.

פונדאַנען בין איך מיט דעם אינערלעכן שאָסיי, 2 קילאָמעטער לאַנג, וואָס פאַרבינדטביידע קאָלאָניעס, אַוועק קיין בית לחם. ביידע קאָלאָניעס זיינען ענלעך איינע צו דער צווייטער, אין זייערע באַקוועמלעכקייטן, ריינקייט, פּריוואַטע ווירטשאַפטן און הייזער. אין צענטער פון וואַלדהיים געפינט זיך אונזער שטאַב. אַ שילדל זאָגט אָן: נוה־יער — דער העברעאישער נאָמען פון דער קאָלאָניע.

אויף צוריקוועגס ווייזט מיר מיין באַגלייטער אַ בוריקעס־פעלד. וואָס־פאַראַ גרויסע בוריקעס! און דער עיקר — זיי וואַקסן אָן באַוואַסערונג אויף אָט דעם פרוכטבאַרן באָדן. אָבער מיין באַגלייטער איז זיכער, אַז אין די טיפענישן פון באָדן געפינט זיך אַ סך וואַסער — און מען דאַרף וואָס שנעלער מאַכן אויסגראָבונגען.

די דעראָבערונג פון זרעין

ווער עס האָט געזען די פעסטונגען פון זרעין, דעם רינג פון אונטערערדישע פּאָזיציעס, די ליניעס פון באַפעסטיקטע שטריכלונגען און טיפע קאַנאַלן וועלכע רינגלען אַרום דעם דאָרף — וועט פאַרשטיין וואָס־פאַראַ וויכטיקייט דער שונא האָט צוגעשריבן צו דעם אָרט.

עס איז דער גרעסטער אַראַבישער דאָרף אויפן גלבוע־באַרג. אין זיין מיט, וואָס איז איצט צעשטערט, זיינען געווען שיינע שטיין־הייזער, און אַרום זיי אַ סך ליימענע הייזקעס. די געסלעך זיינען, בדרך כלל, זויבער.

איבער 3000 איינוווינער האָט געציילט דער דאָרף. די מערהייט

פון זיי האָט זיך באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט. עס זיינען אָבער געווען אויך אַ סך אינטעליגענטע אַראַבער, לערער, אָנגעשטעלטע א.אַז.וו. אויפן רוקן פון די בערגלעך שלענגלען זיך פּרוכטבאַרע פעלדער, — און אין טאָל זשומען וואַסער־קוואַלן. דער וויכטיקסטער רייכטום פון דאָרף. לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, טראַקטאָרן, אַקעראייזנס זיינען אָנגעהויפט אין איין אָרט — ווייזט אויס, אַז די אַראַבער האָבן געהאַט בדעה זיך אומקערן און שניידן די רייכע תבואה אויף די פעלדער.

דער דאָרף ליגט אויפן גרענעץ פון דער אַראַבישער מדינה — 7 קל״מ פון עפולה. ער איז געווען באַקאַנט ווי אַ נעסט פון די באַנדעס, וועלכע האָבן אומאויפהערלעך אָנגעגריפן די יידישע קאָמוניקאַציע אויפן שאָסיי פון עמק.

זרעין איז געפאַלן 34 טעג נאָך דעם ערשטן שטראָף־אָנגריף וואָס איז קעגן אים דורכגעפירט געוואָרן דורכן פלמ״ח. דאַסמאָל האָבן אונזערע אָפּטיילונגען געדאַרפט אָנגרייפן און דעראָבערן אָט דעם וויכטיקן שטיץ־פּונקט פון שונא. צוויי נעכט פאַרן אָנגריף האָט אונזער אַוויאַציע דערפאַלגרייך באָמבאַרדירט דעם דאָרף.

דער טערמין פונם אָנגריף איז באַשטימט געוואָרן אין מאָמענט, ווען די סאָלדאַטן פון קאַוקדזשיס „באַפרייונגס־אַרמיי״ האָבן פאַר־לאָזט דעם דאָרף, און די איראַקישע כוחות פון דזשענין, וועלכע האָבן געזאָלט איבערנעמען די וואַך, זיינען נישט אָנגעקומען.

פון דריי זייטן איז דער דאָרף אָנגעגריפן געוואָרן. 2 אַ זייגער ביינאַכט. אונזערע האַרמאַטן און מינען־וואַרפערס האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דעם דאָרף. זיי האָבן געצילט פּינקטלעך און צעבראָכן די פאַרצווייפלטסטע ווידערשטאַנדס־פּרוון פון שונא. 20 מינוטן פון אַ פייערדיקן שדים־טאַנץ איבערן דאָרף. נאָכדעם ווי ס׳איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל אָפּצושטעלן די באָמבאַרדירונג, האָבן זיך אונזערע פוסגייער־אָפּטיילונגען אַ לאָז געטון אין דער ריכטונג פון דאָרף. דער שונא איז אַנטלאָפן.

און עס האָט זיך איינגעשטעלט אַזאַ שטילקייט, אַז מען

האָט געקענט הערן די באַפעלן און די געשרייען פון די בחורים וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן אין די געסלעך פון דאָרף. דריי ראַקעטעס האָבן אָנגעזאָגט די בשורה פון זיג. 4 פאַרטאָג איז אָנגעקומען דער ערשטער קאָנוואָי מיט אָנגעלאָדענע יידישע אויטאָבוסן — דער ערשטער וואָס איז אַרויף אויף דעם שאָסיי זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה.

די גאַנצע דעראָבערונגס־אַקציע האָט געדויערט נישט מער ווי 5 שעה, פון 11 ביינאַכט ביז 4 פאַרטאָג. ערשט אין אַ מרחק פון 150 מעטער פון דאָרף האָבן די פאַטרולן פון שונא אונז דערשפּירט. און געעפנט אַ שטאַרקן פייער. אונזערע אָפּטיילונגען זיינען אָבער געגאַנגען פאָרויס — אַרויסגעשטויסן די סאָלדאַטן פון שונא פון די פאָדערשטע הייזער און דאַן איינגענומען דעם גאַנצן דאָרף. אין געציילטע מינוטן זיינען אַלע הייזער באַזעצט געוואָרן.

אין דאָרף האָבן אונזערע קעמפער נישט געטראָפן קיין אַראַבער, וועלכע זיינען נאָך מיט 2 מאָנאַט צוריק אַנטלאָפן. געבליבן זיינען נאָר גוט־באַוואָפנטע באַנדעס. נאָר די סימנים פון אויטאָס און וועגענער האָבן עדות געזאָגט וועגן שנעלן אַנטלויפן פונם שונא.

חיפה און דער מערבדיקער גליל

די באַפרייאונג פון חיפה

דער „יונייטעד פרעס” קאָרעספּאָנדענט האָט אָן ספק געצילט צום אמת, זאָגנדיק, אַז די שנעלע עוואַקואַציע פון חיפה דורך די ענגלענדער, וואָס איז געקומען ווי אַ סיורפּריז, איז אַן איינלאַדונג צו די יידן און אַראַבער צו באַהערשן די שטאָט אין קאַמף. די ענגלענדער האָבן געוויס געהאָפט, אַז מיט זייער הילף וועלן די אַראַבער אַרויס די זיגער. זיי האָבן טאַקע אויף אַ פאַרשידנאַרטיקן אופן געהאָלפן די באַנדעס, — אָבער די וואַכזאַמקייט פון די יידישע פאַר־טיידיקער האָט געקרייצט די פּלענער פון בריטישן מיליטער און פּאָליציי. די הגנה האָט נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון די ענג־לענדער, און בליץ־שנעל דעראָבערט די פּאָזיציעס און קאָמוניקאַציע־וועגן פון די באַנדעס, ווי־נאָר ס׳איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון זיי די דירעקטע אָדער אומדירעקטע ענגלישע שוץ.

דער הויפּט־פּלאַן פון די באַנדעס איז באַשטאַנען אין אָפּ־שניידן די פאַרשידענע קוואַרטאַלן אין חיפה פון דעם צענטער פון יידישן ישוב — הדר הכרמל.

די אַראַבישע באַוואָפנטע כוחות האָבן זיך טאַקע פאַרפעסטיקט אינם צווישן־געביט וואָס טיילט אָפּ דעם הדר הכרמל וואָס ליגט אויפן באַרג־רוקן פון דער שטאָט אונטן, און פון דאָרטן אויס באַשאָסן אומאויפהערלעך די אַרומיקע יידישע גאַסן.

און דאַן איז געקומען איין אַנטשיידנדיקע נאַכט, אין וועלכער די כוחות פון דער הגנה האָבן אינוועסטירט דעם מאַקסימום פון טעכנישער פעאיקייט, מסירות נפש און אָפּפערווויליקייט. זיי האָבן, ווי מיט אַ צוואַנג, דעראָבערט און אַרומגענומען אַ ריי סטראַטעגיש־

וויכטיקע געביידעס איןביידע עקן פון דעם צווישן־שטח — און אומברחמנותדיק אַטאַקירט דעם שונא. און ווען עס איז זיי געלונגען דורכרייסן די אַראַבישע גאַסן און פּאָזיציעס און זיך פאַרייניקן מיט זייערע חברים אין דער שטאָט אונטן — איז זייער זיג געווען גע־זיכערט. שפּעטער האָבן זיך נאָך געפירט „רייניקונגס־אָפּעראַציעס״. צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געגלויבט אין דער אומבאַזיגבאַרקייט פון די באַנדעס, איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. מאַסן האָבן אָנגעהויבן לויפן ווו די אויגן האָבן געטראָגן. ווען דער אוואַנגאַרד פון אונזערע קעמפער איז אָנגעקומען אין די אַראַבישע גאַסן אונטן אין שטאָט, ביים פּאָרט, האָבן די אַראַבער נישט גע־גלויבט זייערע אייגענע אויגן; זיי האָבן זיי אָנגענומען פאַר עיראַקישע קעמפער...

די שיסערייען פון פאַראייינצלטע ערטער און אויפרייסן פון גראַ־נאַטן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. ווו־נישט־ווו האָט געהילכט אַ מינען־וואָרפער. עס איז, אָבער, באַקאַנט געוואָרן, אַז דער קאָמאַנדיר פון די באַנדעס איז אַנטלאָפן און אַז אַראַבישע נאָטאַבלען האָבן זיך שוין געווענדעט צום בריטישן קאָמאַנדיר און צום יידישן בירגער־מייסטער וועגן וואָפנשטילשטאַנד.

און צענטליקער טויזנטער אַראַבער האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פּאָרט, מיטן ציל צו אַנטלויפן, דורכן ים, קיין עכו און לבנון.

בעת די שלום־אונטערהאַנדלונגען וועלכע האָבן זיך געפירט אין שטאָט־ראַט, האָט זיך אַנטפּלעקט די גאַנצע טראַגעדיע פון די ארץ־ישׂראל׳דיקע אַראַבער. נישט זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט צו אַנטשיידן וועגן אייגענעם גורל, נאָר פרעמדע, וועלכע האָבן געשטעלט אין געפאַר דאָס לעבן און אייגנטום פון די אָרטיקע תושבים, וועלכע האָבן זיך אין קריטישן מאָמענט געזען אָפּגענאַרט און פאַרלאָזן.

אין די זוכונגען וועלכע זיינען שפּעטער דורכגעפירט געוואָרן דורך די הגנה־חברים, איז אַנטדעקט געוואָרן אַ סך געווער, שווערע וואָפן, אַמוניציע און רעפּאַראַטור־וואַרשטאַטן.

אין אַ באַזונדער קוואַרטאַל זיינען צונויפגענומען געוואָרן די

געפאַנגענע. זיי וואַרטן אויף דער אויספאַרשונג. אַלע זיינען געכאַפּט געוואָרן מיט געווער אין האַנט. זיי זיצן אויפן באָדן דערדריקט און געפּלעפּט — און וואַרטן. איינער טראָגט נאָך אַ עיראַקישן מיליטער־מונדיר, דער צווייטער — אַן אַראַבישער פּאָליציי־מאַן וואָס האָט דעזערטירט מיט זיין געווער, איינער פון עבר הירדן און אַן אַנדערער אַ באַן־אָנגעשטעלטער אָדער פון די „באַרימטע" בעלאַד־אַ־שייך־לייט — אַ באַקאַנטער דאָרף פון רוצחים נאָך פון די אַלטע גוטע צייטן...

פּסח תש"ח איז אויפגעגאַנגען די זון פון פרייהייט איבער חיפה. די יידישע שטאָט האָט פריי אָפּגעאָטעמט נאָך לאַנגע מאָנאַטן פון אומרו, געפאַרן און שפּאַנונג.

אין עכו

ערגעץ־ווו אין אַ ווילע אויפן באַרג כרמל. ים־פּייזאַזש, בערג און בוימער־גרינס. מיר געפינען זיך אינעם הויפּט־שטאַב פון חיפה און צפון־געביט. אינעם איינפאַכן צימער — אַ שרייב־טיש, מאַפּעס, אַ טעלעפאָן, פּאַפּירן. דאָס אַלץ. דער שטאַב־אָפיציר דערקלערט די זשורנאַליסטן די איינצלהייטן פון דער דעראָבערונג פון די אַראַבישע באַזעס, איידער זיי וועלן אַרויס זיי באַזוכן. מיט אַ פּינקטלעכער מיליטער־שפּראַך — באַגלייט מיט באַוועגונגען פון אַ בלייפעדער אויף אַ מאַפּע אָנגעשפּילעט מיט פענדלעך — דערקלערט ער: אַזוי האָבן מיר דורכגעבראָכן די בלאָקאַדע אויף אונזערע ישובים אין מערב'דיקן גליל, אַזוי האָבן מיר באַהערשט די אַראַבישע דערפער און די גרויסע שטאָט עכו. איצט איז דער גאַנצער געביט פריי. מיט דער דעראָבערונג פון ראַס־אַ־נאַקורה — האָבן מיר דערגרייכט דעם גרענעץ פון לבנון.

קיין עכו

אויף אַ באַזוך אין עכו. מיר נידערן אַראָפּ פונם באַרג אין שטאָט אַריין. דער הדר הכרמל ברויזט מיט אַ יידיש לעבן. די שטאָט אונטן —

חורבות און ברוך. פאַרזשאַווערטע דראָט־פאַרצוימונגען. געשלאָסענע קראָמען. געציילטע טאַקסיס. אַ טויט־שטילקייט הערשט אין דער נצרת־גאַס. דער בלויער ים שיינט אין ליכט־שטראַלן.

מיר פאָרן פאַרביי די קריות — די פאַרשטעט פון חיפה. אָט איז דער אָרט, ווו די כוחות פון דער „הגנה" האָבן צעשמעטערט אַן אַראַבישן אַמוניציע־קאָנוואָי. דער שאָסיי איז שוין גאַנץ. אויך עטלעכע הייזער וואָס זיינען צעטרייסלט געוואָרן אין רעזולטאַט פון דעם מעכטיקן אויפרייס, ווערן רעמאָנטירט.

עס עפענען זיך פאַר אונז די ברייטע שטחים פון זבולון־טאָל. פונדערווייטנס זעען זיך שוין — די מלכות'דיקע טייטל־בוימער ביי עכו.

אַ מאָדנער געפיל פילט אָן דיין האַרץ. מיר פאָרן קיין עכו, צו דער אַראַבישער פעסטונג פון אייביקע יאָרן, ווי צו אַן איינגענו־מענער שטאָט. אונזערע סאָלדאַטן האָבן דעראָבערט די שטאָט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט זי נישט געקענט דעראָבערן. די שטאָט איז אויך אַריין אין אונזער געשיכטע. אין איר באַרימטער טורמע זיינען געווען פאַרשפאַרט, אין 1920, די ערשטע הגנה־אַרעסטאַנטן — זשאַבאָטינסקי און די פאַרטיידיקער פון ירושלים. דאָ זיינען געווען אַרעסטירט די 43 הגנה־חברים, וועלכע זיינען געכאַפּט געוואָרן מיט געווער אין האַנט בעת מיליטערישע איבונגען פאַר די צייטן פון דער געוועזענער מאַנדאַט־מאַכט. דאָ זיינען געווען אַרעסטירט אַ סך ציון־געפאַנגענע. וויפל בלוט און טרערן זיינען דאָ פאַרגאָסן געוואָרן! און אָט די עכו, וואָס ליגט אויפן הויפּט־שאָסיי צו אונזערע ישובים אינם מערב'דיקן גליל העליון, האָט עס פאַרשפאַרט דעם וועג צו זיי און גורם געווען, אַז זיי זאָלן זיין אָפּגעריסן פון ישוב אין פאַרלויף פון אַ סך וואָכן.

ביים איינגאַנג קיין עכו שטייט איצט אַ יידישער מיליטערישער וואַך־פּאָסטן, וואָס קאָנטראָלירט אונזערע דאָקומענטן. אַ פאַרצוימונג, סאָלדאַטן מיט סטען־ביקסן, אַ באַפעסטיקטע פּאָזיציע, אַ טעלעפאָן־ליניע און אַ הונט — אַלץ ווי עס איז נויטיק פאַר אַן עפעקטיווער קאָנטראָל. דו קוקסט־זיך־צו צו דעם, און דו גלויבסט נישט, אַז עס איז

ווירקלעכקייט; אַז מיר הערשן איבער דער דאָזיקער גרויסער אַראַ־בישער שטאָט; אַז אַ יידישער וואַך־פּאָסטן האָט דעם איינגאַנג צו איר.

נישט ווייט פונם פּאָסטן זיינען יידישע אַרבעטער באַשעפטיקט ביים פאַריכטן די עלעקטרישע ליניעס, וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן דורך די אַראַבער, און אַלע אונזערע ישובים אין דער געגנט זיינען געבליבן אָן עלעקטריש ליכט. אָבער דערמיט האָבן זיי זיך אַליין געטאָן אַ רעה — ווייל אויך עכו איז געבליבן אָן ליכט און אָן אַ צענטראַלער וואַסער־אינסטאַלאַציע — וואָס וועט פאַריכט ווערן ערשט אין אייניקע טעג אַרום.

און אָט איז דער שטאָטישער בית הקברות. דאָ זיינען מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק דערהרגעט געוואָרן די יידישע עלעקטרע־אַרבעטער, וועלכע זיינען אַרויס ביי דער באַגלייטונג פון בריטישע סאָלדאַטן פאַריכטן די צעשעדיקטע ליניע.

אַן אויסטערלישע רוהיקייט

די טורעמס פון די מעטשעטן בליקן שטאָלץ אין דער הויך, און אַן אומנאַטירלעכע שוידערלעכע רוהיקייט הילט אַלץ איין. אויפן ברעג־ים—עטלעכע שיפלעך איבערגעקערט אויף אַ זייט. בענזין־קאַנען, פּאַטראָנען פון כלערליי קוילן, פון רעוואָלווערן ביז שווערע מאַשינען־ביקסן, וואַלגערן זיך אויף יעדן טריט.

עכו. דאָס הויז ביים זייט כביש איז צעשמעטערט. אַן אויטאָ פון רויטן מגן דוד איילט פאַרביי. די הייזער אין דעם נייעם שטאָט־קוואַרטאַל זיינען געשלאָסן, די לאָדנס פאַרמאַכט. קיין סימן פון לעבן. אַזוי־ווי אַ פעסט וואָלט דאָ פאַרביי. אויף דער פּאָליציי־סטאַציע פלאַטערט אַ בלוי־ווייסע פאָן. שנעלע דזשיפּן פון דער מיליטער־פּאָליציי און מאָטאָציקלען פון די פאַרבינדלער איילן פאַרביי. יידישע זעלנער. סטענגען און ביקסן. געציילטע אַראַבער און אַראַבקעס זיצן איינגעהויקערט, די בליקן געווענדעט צום באָדן.

מיר וואַרטן אויף אַ דערלויבניש פון שטאָט־קאָמאַנדיר. מיר זעען,

ווי צוויי מיליטער־פּאָליציאַנטן האָבן געבראַכט אַ יונגן אַראַבער, וואָס איז אָקאָרשט געכאַפּט געוואָרן אין דער אַלט־שטאָט. זיי גייען הינטער אים, די אויטאָמאַטן אין די הענט, און ער הינקט אונטער, איינגע־הויקערט און מלא ציטער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַן אויסגע־שפּראָכענער „סנייפּער", וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ לאַנגע צייט אין עכו און אָנגעטאָן אַ סך צרות. פון מאָל צומאָל פלעגט ער ענדערן זיין קליידונג און אָרט — און ענדלעך געכאַפּט געוואָרן. איינער פון אונזערע סאָלדאַטן וואָס האָט מיט אים געאַרבעט צוזאַמען אין אַ בריטישן מיליטערישן לאַגער לעבן חיפה, האָט אים דערקענט — דערקענט און געכאַפּט. ער איז אַרעסטירט געוואָרן ביז ער וועט געשטעלט ווערן פאַרן געריכט.

„כ'וועל נישט גיין פון דאַנען"...

אַ 50־יעריקער אַראַבער, אַן אַרבעטער לויטן אויסזען, גייט צו צום פּאַראַנטוואָרטלעכן און בעט דערלויבן אים אַרויסנעמען עטלעכע זאַכן פון זיין דירה. מען האָט אים געהייסן קומען מאָרגן. ער ווענדעט זיך צו אונז, אפשר וועלן מיר אים העלפן. „דאָ איז מיין שטוב — זאָגט ער אויף העברעאיש — מיינע פרויען און קינדער. כ'וועל נישט גיין פון דאַנען". יאָרן־לאַנג האָט ער געאַרבעט אין דער שוועבעלעך־פאַבריק „נור".

עס איז אָנגעקומען אַ גרופּע אַראַבער. איינער צווישן זיי גע־קליידעט ווי אַ גייסטלעכער. זיי וואַרטן אויפגענומען צו ווערן דורכן יידישן קאָמאַנדיר. דאָס זיינען די מיטגלידער פון דער שטאָטישער קאָמיסיע, וואָס קאָאָפּערירט מיט דער יידישער אָקופּאַציע־מאַכט. זיי זיצן אין אַ געדריקטער שטימונג און קוקן אַרום זיך מיט אויסגע־שטאַרצטע אויגן. איינער אַ זשורנאַליסט וויל זיי פאָטאָגראַפירן, אָבער זיי לאָזן נישט. נאָך דאָס פעלט זיי...

ווי־אַזוי איז די שטאָט איינגענומען געוואָרן

אין צימער פון קאָמאַנדיר. אַ יונגער פון דער זון אָפּגעברענ־טער בחור. שמייכלענדיק דערציילט ער: מיר האָבן זיי אָנגעגריפן

ווי־געהעריק. באָמבאַרדירט די גאַנצע שטאָט, נו — און זי איינ־געגומען...

די יידישע פונקטן צו צפון פון עכו זיינען געווען אָפּגעשניטן פון ישוב במשך פון וואָכן. מיט נהריה איז געווען אַ פאַרבינדונג נאָר דורכן ים. די פּרווון זיך דורכרייסן קיין יחיעם האָבן זיך פאַר־ענדיקט מיט שווערע פאַרלוסטן. עכו איז געשטאַנען אויפן וועג. די שטאָט וואָס האָט געוויינלעך געציילט 12 טויזנט איינוווינער, האָט אויפגענומען אַ 18 טויזנט פליטים פון חיפה און פון דער אומגעבונג. אויסער די אָרטיקע קעמפער זיינען געווען אין עכו עטלעכע פאַנצער־אָפּטיילונגען פון עבר הירדן און עטלעכע טויזנט סירישע און עיראַ־קישע סאָלדאַטן.

און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן אַן אויפּאסנדיקע און תקיפות'דיקע אַקציע, מיטן ציל צו ליקווידירן דידאָזיקע אַראַבישע פעסטונג און אַלע אַנדערע שטרויכלונגען. אינם ערשטן עטאַפּ האָבן אונזערע קעמפער באַהערשט דעם וועג פון עכו קיין צפון — און אַ קאָנוואָי איז בשלום אַדורך קיין נהריה. דאַן איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רייניקונגס־אַקציע אין די אַראַבישע דערפער אַ־זיב און באַסאַ, סאַמאַריה, מזרעה א.אַנד. דערמיט אין געעפנט געוואָרן דער וועג אויך קיין חניתא און אילון. אָבער עכו האָט נאָך געשטערט. און די דערגרייכונגען זיינען נישט געווען סטאַביל. האָבן מיר בלאָקירט די שטאָט. פון דרום — פון דער זייט פון חיפה, און פון צפון — פון דער זייט פון די יידישע ישובים. נאָר דער מערבדיקער און מזרחדיקער טייל זיינען געבליבן אָפן. דאַן האָבן מיר פאַרנומען די בערגלעך, וועלכע הערשן איבער עכו, דעם נאַפּאָלעאָן־באַרג וואָס ליגט אַ קילאָמעטער פון עכו, און די שטאָט איז באָמבאַרדירט געוואָרן צוויי גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד. ווען מיר האָבן זי אָנגעגריפן מיט אַ גרויסן כוח, איז דער שונא אַנטלאָפן איבערלאָזנדיק זיינע וואָפן וועלכע זיינען נאָך געווען וואַרעם. מען האָט אויך געפונען טרער־באָמבעס...

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַנטלויפֿן

— קודם כל דורכן ים. ווינסדיק, אַז צווישן די אַראַבער געפֿינען זיך אַ סך פֿאַרוווּנדעטע, האָט זיך דער יידישער קאָמאַנדיר געווענדעט צום „רויטן קרייץ" און פֿאַרגעשלאָגן, אַז מען זאָל זיי עוואַקואירן צוזאַמען מיט די קינדער און פֿרויען. דאָס פֿייער איז איבערגעריסן געוואָרן און זיך שוין מער נישט באַנייט. ווייל אַן אַראַבישע דעלע־גאַציע איז געקומען צום יידישן קאָמאַנדיר און געחתמעט אויף אַ קאַפּיטולאַציע.

דאָס איז געשען דעם 18־טן מאַי 1948.

אין שטאָט איז דערקלערט געוואָרן אויסנאַם־צושטאַנד, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „קעמונג" פֿון די חשודיקע. גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענערגישע אַקציע קעגן טיפֿאָיד, און זאָרג פֿאַרן סאַניטאַרן צושטאַנד ווי־אויך פֿאַר וואַסער־פֿאַרזאָרגונג און עלעקטריע. די אַראַבער ווערן אַריבערגעפֿירט פֿון דער ניי־שטאָט אין דער אַלט־שטאָט צוליב זיכערהייטס־טעמים און כדי צו דערמעגלעכן אַן עפֿעק־טיווע קאָנטראָל. די אַראַבישע קאָמיסיע קאָאָפּערירט, מער ווייניקער, ביים אומקערן דאָס לעבן צו נאָרמאַלע באַדינגונגען. עס איז אַרויס אַ באַפֿעל צו עפֿענען די קראָמען. די נאָענטסטע טעג וועלן געעפֿנט ווערן צוויי צייטווייליקע שפּיטאָלן כדי צו האָספּיטאַליזירן די גרויסע צאָל קראַנקע.

ראש הנקרה (ראָס־אַ־נאַקורה)

איך שטיי אויפֿן דאַך פֿון דער פּאָליציי־געביידע אין ראָס־אַ־נאַקורה אויפֿן גרענעץ פֿון לבנון, וואָס איז איינגענומען געוואָרן דורך אונזערע סאָלדאַטן נאָך אַ שלאַכט פֿון עטלעכע שעה. איבער מיר פֿלאַטערט די בלוי־ווייסע פֿאָן, דורכן מיליטערישן שפּאַקטיוו זע איך דעם גרענעץ־וואַך־פּאָסטן פֿון לבנון, וואָס געפֿינט זיך אין אַ הויז אויף אַ שפּיץ באַרג, אויפֿן וועג קיין צור, צופֿוסנס ווייסע פֿעלזן וועלכע טובלען זיך אין די כוואַלעס פֿון מיטללענדישן ים.

נאָך דער דעראָבערונג פון די גרויסע דערפער אַ־זיב און אל־באסא, האָט זיך איינגעבראָכן די האַלטונג פון די אַראַבער און זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרקירצן דעם פראָנט. תחילת האָבן זיי פאַרלאָזן דעם בריטישן מיליטער־לאַגער, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק עוואַקואירט געוואָרן און וואָס די אַראַבער האָבן זיך אין אים פאַר־פעסטיקט, און זיי האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין דער פאָליציי־געביידע. אין שנעלן מאַרש זיינען אונזערע מענטשן פאָרויס־געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער לעצטער פעסטונג פון שונא אין אָט דעם געביט, און נאָך אַ קורצן אָבער פאַרביטערטן קאַמף האָבן זיי זי איינגענומען. צוויי גרויסע געביידעס, וואָס האָבן געדינט אַלס נעסטן פון סנייפּערס, נישט ווייט פון דער פאָליציי־געביידע, זיינען אויפגעריסן און פאַר־ניכטעט געוואָרן ביזן יסוד. מיט דער דעראָבערונג פון דער פאָליציי־סטאַציע אין ראַס־א־נאקורה איז לחלוטין אָפּגערייניקט געוואָרן דער וועג פון חיפה ביז צום סאַמע גרענעץ פון לבנון.

בלויז עטלעכע הונדערט מעטער טיילן איצט אָפּ די פעסטונג, וואָס געפינט זיך אין יידישע הענט, פון דעם גרענעץ וואַך־פּאָסטן פון לבנון.

דער בנין געפינט זיך ביים ברעג ים און ביים שאָסיי וואָס פירט פון עכו קיין צור און ביירות. עס איז אַ בנין געבויט פון שטיין און גוט־באַפעסטיקט. אויסגעשטאַט מיט אַלעם נויטיקן פאַר אַ גאַר־ניזאָן — מיט אַ ראַדיאָ־זענדער, אַ עלעקטרע־גענעראַטאָר, קאַנאַלי־זאַציע, וואַסער־אינסטאַלאַציע א.א.וו.

פונם דאַך אויס וויקלען זיך פונאַנדער פראַכט־בילדער. פון מערב — די ים־בלויקייט וואָס ציט זיך ביז צום האָריזאָנט. פון צפון — די גרינע בערג־רוקנס, דער גרענעץ צווישן ארץ ישראל און לבנון. אויפן מזרח׳דיקן טייל פון אָט די בערג־רוקנס ליגט חניתא, וואָס די רויטע דעכער פון אירע הייזער זעען זיך פונדערווייטנס אין דער דורכזיכטיקער לופט. פון מזרח — פעלדער און בערגלעך און אייל־בירטן־וועלדלעך פונם גרויסן אַראַבישן דאָרף אל־באסא ; פון דרום —

א־זיב אויף אַ בערגל ביים ברעג ים. אין דער טיף —דער הויכער וואַסער־טויער פון נהריה. און פון־דער־ווייטנס, פון דער צווייטער זייט פון דער גרויסער עכו־בוכטע, ליגט דער כרמל ווי אַן אַלטער־טימלעכער ריז איינגעהילט אין בלווילעכע נעפלען.

א זאַק־היטל און אַ שטאָל־העלם

די פעסטונג רוישט, זי איז פול מיט סאָלדאַטן פון פאַרשידענע פאָרמאַציעס, אָנגעטון אין אַלע מינים היטלען — פון דעם זאַק־היטל ביז צו דעם שטאָל־העלם. אויטאָס קומען אָן און אויטאָס גייען אַוועק. איצט רוהען זיך די בחורים אַ ביסל אָפּ נאָך דעם דעראָבערונגס־צוג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער ריכטונג פון עכו, זיין פאַרזעצונג איז געווען דאָס דורכרייסן די בלאָקאַדע אַרום אונזערע אָפּגעשניטענע ישובים אין מערבדיקן גליל, די דעראָבערונג פון דער שטאָט עכו, דאָס עפענען דעם וועג קיין יחיעם, און זיין פאַרענדיקונג אָט דאָ. אַ סך פון זיי זיינען נישט־ראַזירט. אָבער ווער לייגט אַכט דערויף? די אויגן גלאַנצן מיט שמחה און שטאָלץ, און זייער גאַנצע האַלטונג מיינט — כוח און פעסטקייט.

זיי רינגלען אונז אַרום — אונז זשורנאַליסטן — און פרעגן זיך, וואָס הערט זיך אין אַנדערע טיילן לאַנד, אין ירושלים. זיי זיינען גרייט צו יעדן רוף און באַפעל.

אין אַל־באַסאַ

אויפן מיליטערישן שאָסיי וואָס פירט קיין חניתא און אילון, וועלכע ליגן אויפן גרענעץ־פאַס. ליידיקע פעלדער. רייפע געלע תבואה. די זאַנגען בויגן זיך אונטער דער וואָג פון די פולע קערנער. און קיין שניטער זיינען נישט פאַראַן. בייטן מיט צייטיקן גרינס ליגן פאַרלאָזן. דאָ און דאָרט רויטלען זיך גראַנאַטן אויף בוימער. פייגן־בוימער בליען. און אַ רוהיקייט. מען זעט נישט קיין אַראַבער אויף אַ רפואה.

מיר פֿאַרקירעווען אין אַ זייטיקן וועג. דער שטאַב־אָפֿיציר, אונזער באַגלייטער, זאָגט אונז, אַז מיר וועלן איצט באַזוכן אַ אַראַביש־קריסטלעכע משפּחה, וואָס איז פֿאַרבליבן אויפֿן אָרט און איז נישט אַנטלאָפֿן ווי אַלע איבעריקע תּושבֿים פֿון די אַרומיקע דערפֿער.

עס האַנדלט זיך וועגן דער גרויסער משפּחה פֿון סעיד בשאַרה. זי פֿאַרמאָגט אַ סך באָדנס אין דער סבֿיבֿה און כּל טובֿ. צו־וואָס זאָלן זיי אַנטלויפֿן און רואינירט ווערן אינגאַנצן ווי אַלע אַנדערע? האָבן זיי געטון אַ פּשוטע און פֿאַרשטענדלעכע זאַך — אויפֿגעהאָנגען אַ ווייסע פֿאָן אויף זייער הויז און דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט זיך אונטערוואַרפֿן דער יידישער מאַכט.

עס איז געווען אַ פֿריינטלעכער שמועס. די משפּחה־מיטגלידער האָבן אונז געבעטן מיר זאָלן איבערגעבן די יידן פֿון דער סבֿיבֿה, אַז זיי האָבן אַ שפֿע פֿון תּבֿואה, גרינס און עופֿות וואָס זיי זיינען גרייט פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ האַלבן פּרייז. ס׳איז נישטאָ וועמען צו פֿאַרקויפֿן. און די קאָמוניקאַציע אויף די וועגן איז דערווייל מעגלעך נאָר מיט אַן ערלויבניש פֿונם יידישן מיליטערישן קאָמאַנדיר.

מיט האַרציקע ווונטשן האָבן מיר זיך געזעגנט פֿון דער משפּחה.

מיר פֿאָרן קיין אַל־באַסאַ, דעם גרויסן אַראַבישן דאָרף, וואָס איז פֿאַרלאָזן געוואָרן נאָך אַ שווערער שלאַכט וואָס האָט געדויערט 12 שעה. צענדליקער עיראַקישע און אַנדערע אַראַבער זיינען גע־הרגעט געוואָרן. די איבעריקע האָבן זיך געראַטעוועט אַנטלויפֿנדיק איבערן גרענעץ. אונזערע קעמפֿער האָבן דעראָבערט מלחמה־רויב. און איצט געפֿינט זיך באַסאַ אין די הענט פֿון אונזער דעראָבערונגס־אַרמיי.

ד ע ר נ ג ב

עפּאָס נגבה

א

ווי נאָר דו פאַרלאָזט באר טוביה, אָטעמסטו מיט דער לופט פון נגב־פּראָנט. וויסט און פּוסט ציט זיך דער שאָסיי, וואָס האָט ערשט מיט אַ קורצער צייט געברויזט מיט לעבן און באַוועגונג. די איינציקע צייכנס פון קולטור — די עלעקטרע־סלופּעס. און ווען דו גיסט זיך אַ קער צום זייטיקן וועג, וואָס פירט קיין נגבה, דערזעסטו גלייך די ערשטע סימנים פון דער ווילד־צעבושעוועטער האַנט פון מדבר — צעשמעטערטע עלעקטרע־סלופּעס און דראָטן.

פון ביידע זייטן וועג — פעלדער געבענטשט מיט זאַנגען וואָס וואַרטן אויפן שניטער. דאָ און דאָרט שניידן פעלאַכן — אַזוי שנעל ווי מעגלעך — אַ שטיק פעלד. און אָט קומען מיר צו נגבה, איינגעטונקט אין גרינס פון סעדער און וויינגערטנער, אַזוי־ווי זיי וואָלטן פּראָקלאַמירט דער גאַנצער וועלט קעגנאיבער, אַז זייערע וואָרצלען פאַרמאָגן נאָך געגוג קראַפט און זאַפט.

נגבה איז אַ פּראָנט. אַ מיליטערישער רעזשים הערשט דאָ. אַראָפּגעשניטענע בוימער. צעשעדיקטע באַראַקן. טראַנשייען, פאַר־בינדונגס־קאַנאַלן, כלערליי אויסגראַבונגען.

גראָד דעם יאָר האָט די ווירטשאַפט דערגרייכט איר הויך־פּונקט: 1000 ליטער מילך אַ טאָג, הויכע גאָרטן־ און פעלד־געוועקס טעצישן. גלייכצייטיק האָט זיך דער קיבוץ געגרייט צו ווייטערדיקע זיגן און דערגרייכונגען אויפן פעלד פון שאַפונג און אַרבעט.

נישט קיין איין מאָל האָט מען געפּירט ויכוחים, צי זאָל מען פאַרקויפן אַ קו כדי צו דערווערבן צוגאָב־וואָפן — און נישט באַשלאָסן דאָס צו טאָן. אין סאַמע ברען פון די שלאַכטן האָט מען זיך באַמיט נישט צו שעדיקן דעם בוים אָדער יענע פלאַנצונגען. איז געקומען דער טאָג פון חורבן — און אַלץ איז פאַרניכטעט געוואָרן. געבליבן איז בלויז דאָס געווער, און אין אים ליגט איצט די האָפנונג, אַז די ווירטשאַפט וועט צוריק אויפגעבויט ווערן. אויב אין נגבה זיינען געהרגעט געוואָרן בלויז 15 מענטשן, — איז עס ווידער אַ דאַנק דער מי וואָס מען האָט נישט געשוינט און געגראָבן טיפע קאַנאַלן און אויסגראָבונגען.

דריי וואָכן האָט נגבה אויסגעהאַלטן דעם אָנגריף. דער רויש פון שראַפּנעלן און באָמבעס איז געוואָרן אַ זאַך פון טאָג־טעגלעכן שטייגער. די אויסגראָבונגס־אַרבעט און דאָס אויפהאַלטן די וואַסער־אינסטאַלאַציע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויך בעת די באָמבאַר־דירונגען. אויף די פּאָזיציעס האָט די מענטשן נישט געפעלט גאָרנישט, נישט קיין עסן און נישט קיין וואַסער — און דעריבער האָבן זיי זיך געקענט קאָנצענטרירן אין קאַמף.

יונגע מיידלעך און מאַמעס זיינען געווען פאַרבינדלערינס: באַזאָרגט די קעמפער מיט שפּייז, אַמוניציע און ערשטע הילף־דינסטן. אַנדערע פרויען האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט די מענער. נאָר איין מאָל האָט זיך ביי איינער באַוויזן טרערן אין די אויגן. דאָס איז געווען, ווען אַ קאָנוואָי האָט געבראַכט אין נגבה פון תל אביב פאַמידאָרן. פ א מ י ד א ָ ר ן פ ו ן ת ל א ב י ב א י ן נ ג ב ה! ווי טראַגיש דאָס איז, און ווי אויסשעפּנד־כאַראַקטעריסטיש פאַרן תהום פון חורבן!

און נאָך איין זאַך האָט נגבה אָפּגעהיט, מער פון אַלץ, דעם „געהיימען וואָפן" אונזערן — דעם גייסט, דעם „מאָראַל". די מלחמה־וויסנשאַפט קען נישט קיין פאַרטיידיקונג פון פ ו נ ק ט ן, נאָר פון ל י נ י ע ס. אָבער די יידישע מלחמה איז אַזוי ספּעציעל און טראַגיש, אַז אין דער איבערצייגונג אַז עס איז נישט פאַראַן ווו זיך צוריק־

ציען, אז עס איז אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, וואָלט מען נישט אויסגעהאַלטן. אין שוץ־גראָבן איז טאָג־טעגלעך דערשינען אַ ביו־לעטין: נייעס, פּאָליטישע א״פקלערונג, גרוסן פון די קינדער, דער־מוטיקונגס־רייד. אין די אָוונטן פלעגט מען פאַרברענגען צוזאַמען. נישט געווען אַן אָוונט אָן געזאַנג, אָן מוזיק. חסל סדר חברישע באַ־ציונגען — דער נעכטיקער חבר איז היינט אַן אָפיצער, אַ קאָמאַנדיר. חסל סדר ויכוחים. איצט זיינען אַלע סאָלדאַטן. און מען האָט זיך צוגעפּאַסט. מען איז דערהרגעט און פאַרוווּנדעט געוואָרן און דער־פילט פּינקטלעך באַפעלן.

נאָך אומאו״פהערלעכע באָמבאַרדירונגען און אַ האָגל פון האַר־מאַטן־קוילן במשך פון דריי וואָכן, האָבן ענדלעך זיך אַריינגעריסן 21 טאַנקען אויפן הויף פון נגבה. ווען דער ערשטער טאַנק האָט זיך דערנענטערט עטלעכע מעטער פון דער ערשטער פּאָזיציע, — זיינען די חברים אַרויסגעשפּרונגען און אים באַלייגט מיט פּיאַט־שראַפּנעלן און מאָלאָטאָוו־צינד־באָמבעס. 7 טאַנקען זיינען געבליבן אויפן פעלד — די איבעריקע זיינען צוריקגעטרעטן אונטער אַ רויך־פאַרהאַנג. מען גיט איבער, אַז דער שונא האָט פאַרלוירן 40 סאָלדאַטן.

און נגבה לעבט. און וועט צוריק אויפגעבויט ווערן.

ב

איז דאָס נגבה?

אויף אַ חברה פון קיבוץ פאַרט מיט אונז. נאָך פאַר דער שווערער באָמבאַרדירונג האָט זי אַרויסבאַגלייט אויף אַ זיכערן אָרט די קינדער, און איצט קערט זי זיך אום דאָס ערשטע מאָל אַ היים. אַ מאָנאַט צייט איז זי נישט געווען אין דער היים, און איצט פאָרט זי צו דער הזכרה...

זי ענטפערט נישט. די שטריכן פון איר פּנים ווערן פון קילאָ־מעטער צו קילאָמעטער צוגעשפּיצט און פאַרהאַרטעוועט. באַוועגלאָז קוקן אַרויס אירע אויגן דורכן אָפענעם פענצטער. די בלויע בלוזע באַוועגט זיך מיטן שווערן אָטעם.

— און אַלץ דאָ אַרום איז געווען אַזוי גרין, גרין און רויט. גראָז, בוימער און בלומען. אונזער היים איז געווען אַזוי יונג, פריש און מונטער — זאָגט זי ענדלעך — און איצט איז אָפּגעבליאַקעוועט איר שיינקייט.

יאָ, אָפּגעבליאַקעוועט! אָט זיינען מיר שוין אין מיטן לאַגער. ווי־אַזוי קען מען אין 30 טעג צעשטערן אַלץ וואָס ס'איז אויפגעבויט געוואָרן מיט אַזויפיל מי און ליבע במשך פון צען יאָר!

אייגנטלעך האָב איך עס געוווּסט נאָך פריער — דעם גאַנצן קאַפּיטל הערואיזם און פּיין פון נגבה. כ'האָב געוווּסט, אַז עס זיינען געווען טעג, ווען אויפן קיבוץ זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן 500 שראַפּנעלן, אויסער די באָמבעס פון דער לופט. כ'האָב געוווּסט, אַז 15 חברים זיינען דערהרגעט געוואָרן: ו ת י ק י ם — וועטעראַנען (און אַ ותיק אין נגבה קען זיין אַ 30־יעריקער מיט אַ גרויסער חלוצישער פאַרגאַנגענהייט); און י ו נ ג ע חברים (דאָס מיינט 17—19 יעריקע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן שוין אַדורכגעמאַכט פיר־פינף יאָר פון פאַרניכטונג־ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן: אין דייטש־לאַנד, איטאַליע און ציפּערן), וואָס אַ טייל פון זיי איז סך הכל אַ זיבן חדשים אין לאַנד; און ס אָ ל ד אַ ט ן (דאָס מיינט, דער און דער באַטאַליאָן וואָס שטייט אין קאַמף, צוזאַמען מיט די חברים פון קיבוץ, קעגן דעם הונדערט־פאַך שטאַרקן שונא).

אין נגבה איז פאַראַן אויך איינער אַ זעלטענער סאָלדאַט: אַן ענגלענדער, אַ גוי, אַ געוועזענער מאַיאָר פון בריטישן מיליטער, אַ פּראָפעסיאָנעלער סאָלדאַט וואָס האָט זיך פאַרליבט אין קיבוץ.

עס איז אויסגעשלאָסן, — טענה'ט דער ענגלענדער, — אויסצור־האַלטן קעגן טאַנקען און אַעראָפּלאַנען מיט אַזעלכע וואָפן. און דעריבער איז גלייכער צו עוואַקואירן דעם ישוב.

און דאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, קעגן יעדער לאָגיק און פאַר־שטאַנד, אַז מען קען. נגבה איז נישט עוואַקואירט געוואָרן. די עגיפּטישע האַרמאַטן האָבן צעשמעטערט דעם וואַסער־טורעם. אָבער דאָס וואַסער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט — די ברונעמס האָבן

פונקציאָנירט. עס זיינען מיט שראַפּנעלן באַשאָסן געוואָרן די קר־שטאַלן און הינער־שטייגן. הונדערטער שראַפּנעלן זיינען געפאַלן אין גרינס־גאָרטן און באַנאַנעס־פּלאַנטאַציע. אָבער די באַשפּייזונג האָט כמעט ווי נישט געליטן.

דער הויף פון נגבה פאַרנעמט 200 דונאַם. די צאָל אַעראָפּלאַנען וואָס זיינען געפלויגן איבער דעם שטח איז אויך געווען 200. דאָ זיינען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן מער באָמבעס ווי אויף תל אביב. עס איז נישט פאַראַן אין גאַנצן משק קיין פינף קוואַדראַט־מעטער באָדן וואָס זיינען נישט געטראָפן געוואָרן. 25 מאָל איז דער קיבוץ באָמבאַרדירט געוואָרן. און די האַרמאַטן־באָמבאַרדירונגען — ווער וועט זיי איבערציילן? די עגיפּטער זיינען געווען זיכער, אַז קיין לעבעדיקער מענטש איז נישט געבליבן אויפן אָרט. און ווען ס'האָבן זיך דערנענטערט זייערע מעכטיקע טאַנקען, איז געקומען די ריי אויפן יונגן חבר פון מעקסיקאָ (וואָס איז עולה געווען ערשט מיט 7 חדשים צוריק). ער האָט געלאָזט אין גאַנג דעם איינציקן אין נגבה „פּיאַט" (אַן אויטאָמאַטיש שווער מאַשינען־געווער וואָס ברעכט דורך פאַנצערס). צען קוילן־מאַגאַזינען האָט ער געהאַט, אָבער 2 פון זיי האָבן נישט געטויגט. פאַר יעדן שאָס האָט ער געשיקט לופט־קושן און האָט אויסגעשאָסן אַלע 8 מאַגאַזינען אויף די טאַנקען. די חברים און די סאָלדאַטן זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די טראַנ־שייען (די עגיפּטער זיינען געווען זיכער, אַז דאָרט איז קיינער נישט פאַראַן) און געשליידערט זייערע מאָלאָטאָוו־צינד־פלעשער. דער שונא איז אַנטלאָפן אין פּאַניק.

אַן אויסטראַלישער סאָלדאַט וואָס האָט באַזוכט דעם קיבוץ, האָט זיך געווענדעט צום קאָמאַנדיר מיט אַ פראַגע:

— אָט זיינען מיר ביידע שוין געווען אויף מלחמה. ביידע האָבן מיר געזען פונקטן, וועלכע זיינען חרוב געוואָרן ביז צום יסוד. אַ סך מער ווי נגבה. און נישט דאָס פאַרוווּנדערט מיך, נאָר: ווי־אַזוי בלייבט אַ באַפעלקערונג פון אַזאַ חרוב־געוואָרענעם דאָרף אויפן אָרט, ווי־אַזוי לעבט זי און אַרבעט ווייטער און וואַנדערט נישט אויף די וועגן,

אַזוי ווי ס׳האָבן געוואַנדערט די פּליטים פון די חרובע ישובים אין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און פּוילן?

און אַזוי ווי ס׳איז שווער צו דערקלערן אים דעם מיליטערישן זיג, אַזוי איז שווער אים דערקלערן די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע דער־שיינונג.

און נאָר איין־איינציק וואָרט דערקלערט עס. איין וואָרט, וואָס מען באַנוצט עס אָפט אין ליטעראַרישע אויסגעדראָשענע פראַזן: גבורה. דאָ האָבן די מענטשן געלעבט די גבורה. זיי האָבן זי געלעבט ווי אַ נאַטירלעכן המשך פון דער אויפבוי־אַרבעט. ווי די צווייטע זייט פון דער מטבע, וואָס איר ערשטע זייט האָבן זיי אויס־געדריקט אינעם אויפבוי פון נגבה.

און עדות פון דער גבורה זיינען די צוויי ברודער־קברים. נישט אינעם בית־עלמין פון קיבוץ. אויך אין שלום־צייטן איז דער טויט געווען אַ נאָענטער שכן פון נגבה. אויף אַ קליין בערגל, אין מיטן פון אַ וועלדל, זיינען באַגראָבן חברים און עטלעכע קינדער. קיינער פון די חברים איז נישט עלטער פון 30 יאָר. זיי זיינען געהרגעט געוואָרן אין פאַרשידענע צוזאַמענשטויסן מיט די באַנדעס פון דער סביבה.

אָבער דאָ, אין צוויי ברודער־קברים, זיינען באַגראָבן מער חברים ווי אויפן אַלטן בית־עלמין. חברים, יוגנטלעכע, סאָלדאַטן. אין זייער לעבן און אין זייער טויט האָבן זיי זיך נישט געשיידט. אויף ביידע קברים בליען בלומען, אַ סך בלומען, און אויף יעדן איינעם — אַ גרויסער מגן דוד פון שטיינער.

די איינוווינער פון קיבוץ — חברים, יוגנטלעכע, סאָלדאַטן און אַרבעטער — באַזוכן שטיל־שווייגנדיק, אָן פּאַראַדן און אָן מוזיק, די קברים. אַלע זיינען זיי באַוואָפנט. נאָר ווען דער טרויער איז אַזוי טיף — איז מעגלעך אַזאַ הייליקער שטילשווייגן. קיין הויך פון מויל. די אויגן צוגעשמידט צו די קברים, צו די 15 אויפשריפטן... עס איז נאָך שווער צו באַגרייפן, אַז זיי לעבן נישט. דער בונד מיט זיי אין

לעבן און שאַפן איז געוועזן אַזוי טיף — אַז די קברים לייגן זיך כלל נישט אויפן שכל.

נגבה וועט צוריק אויפגעבויט ווערן. אירע קינדער וועלן זיך אומקערן, איר גרינקייט און לעבעדיקער אינוועגטאַר. דור דורות וועט זי בליען.

יד מרדכי

דער קיבוץ יד־מרדכי געפינט זיך אין אַ ריין־אַראַבישער סביבה, ווייט פון יידישע פונקטן, אַרומגערינגלט מיט זאַמד און מדבר. און נישט־קוקנדיק דערויף, זיינען נישט עוואַקואירט געוואָרן די קינדער און פרויען, ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דעם אָנגריף פון עגיפּטישן מיליטער. די חברים האָבן פאַרגעזעצט זייער טאָג־טעגלעכע אַרבעט.

דינסטאָג, דעם 18־טן מאַי, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע צוויי פאַנצערס און אַנטי־טאַנקישע האַרמאַטן פון שונא, כדי צו קאָנטראָלירן דעם בריק וואָס פירט צום קיבוץ און וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורך זיינע פאַרטיידיקער. גלייך האָט מען אויף זיי געעפנט פייער, און דער שונא האָט זיך צוריקגעצויגן. די פאַר־טיידיקער האָבן זיך ווייטער איינגעגראָבן אין באָדן. 4.30 נאָכמיטאָג, האָט אַ „ספּיטפייער" מיט אַ שווער פייער פון זיינע צוויי האַרמאַטן און מאַשינען־געווערן, באַשאָסן דעם קבוץ. די קוילן האָבן געטראָפן אין די צימערן און אין די מעבל. ביינאַכט האָט מען עוואַקואירט די קינדער. די פרויען זיינען פאַרבליבן.

מיטוואָך, 6.15 אין דער פרי, האָבן זיך באַוויזן די אַעראָפּלאַ־נען (2 „ספּיטפייערס" און איין באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַן) און געוואָרפן אויפן קיבוץ ברען־און אויפרייס־באָמבעס פון 25 ביז 100 קילאָגראַם. אינם הייס־אָנגעגליטן נגב שפּרייטן זיך אויך שרפות בליץ־שנעל. פייער־פלאַמען האָבן אַרומגענומען די קליינע הייזקעס. פון די פּאָ־זיציעס האָט מען געזען אַ לאַנגע קאָלאָנע פון הונדערטער געפּאַנ־

צערטע אויטאָס, לייכטע טאַנקען, האַרמאַטן־שלעפּער און מאַשין־געווער־טרעגער, ווי־אויך אויטאָבוסן מיט סאָלדאַטן און „האַלב־לבנה״־אויטאָס — אַ מעכטיקע געפּאַנצערטע קאָלאָנע, וואָס האָט פּאַרמאָגט צען מאָל אַזויפיל סאָלדאַטן ווי די פאַרטיידיקער, האָט מאַרשירט אין דער ריכטונג פון קיבוץ. באַוואָפנט ביז איבער די ציין האָבן זיי זיך באַפעסטיקט אין אַ לאַגער, 1200 מעטער פון יד־מרדכי. צוויי מחנות זיינען געשטאַנען איינער קעגנאיבער דעם צווייטן — דער געפּאַנצערטער גלית קעגנאיבער דודן וואָס איז געלעגן און די טראַנשייען און זיין גאַנצע באַוואָפנונג — לייכט געווער און אַ שטאַרקער גלויבן.

גלייך זיינען געפאַלן די ערשטע שראַפּנעלן פון ווייט־שיסנ־דיקע האַרמאַטן, געצילט אויפן זיכערהייטס־הויז פון יד־מרדכי און אויפן וואַסער־טורעם. די חברים האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף די שרפות וואָס זיינען אויסגעבראָכן אין אַלע זייטן, — און יעדער איינער האָט געאײַלט צו זיין פּאָזיציע. און זיי האָבן גוט געטאָן, ווייל גלייך האָט זיך אַראָפּגעשאָטן אַ האָגל פון פייער פון אַלערליי שווערע וואָפן. אַ אמתער גיהינום פון פייער. אין די פּאָזיציעס האָט מען נישט געקענט אויפהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומקוקן. 8.30 זיינען געפאַלן די ערשטע דריי חברים, געטראָפן דורך דריי־אינטש־שראַפּנעלן פון מינען־וואַרפער, געשאָסן פון אַ מרחק פון 3 קילאָ־מעטער. די פאַרטיידיקער האָבן אָפּגעוואַרט און זיינען געווען גרייט אויפן שטורם־אָנגריף נאָך דער שרעקלעכער באָמבאַרדירונג. נאָר די פאַרבינדלערינס זיינען אַרומגעלאָפן אינם קאָשמאַרפולן פייער פון פּאָזיציע צו פּאָזיציע, טראַגנדיק פּראָוויאַנט און שפּייז. קיין איינע פון זיי איז צום גליק נישט געטראָפן געוואָרן.

אַ זייגער 4 נאָך מיטאָג האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס פייער פון די שווערע וואָפן, און ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פייער־האָגל פון שווערע מאַשינען־געווערן, ווי אַ לעצטע צוגרייטונג צום שטורם־אָנגריף וואָס איז געקומען גלייך דערנאָך. דער געקנאַל פון די מאַ־שינען־געוווערן האָט געקלונגען אין די אויערן ווי אַן אָנגענומע

מעלאָדיע נאָך דעם מעכטיקן געברום פון האַרמאַטן. די עגיפּטער האָבן מאַרשירט פאָרויס אין גרופּעס צו צוואַנציק סאָלדאַטן, איינע נאָך דער צווייטער. די פאַרטיידיקער האָבן קלאָר געהערט ווי די אָפיצירן יאָגן אונטער די סאָלדאַטן זייערע מיט אויסגעשרייען, ווי: „אודרוב יאַ־כלב! יאַללאַ, יאַ־שאַבאַב! עליהום!" (פאָרויס הינ־טישע זין! פאָרויס באַנדע! אויף זיי!). די פאַרטיידיקער האָבן געשמייכלט אויף די וואַקלעדיקע פון פּחד פון די מאָדערנע פרעה־סאָלדאַטן — און דערלאָזט זיי זיך דערנעענטערן אַ 80—40 מעטער פון זייערע פּאָזיציעס. דאַן האָט מען זיי באַוואָרפן מיט האַנט־גראַנאַטן, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן זיי. די ערשטע כוואַליע איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן. גלייך איז געקומען די צווייטע און דריטע כוואַליע. דאָסמאָל האָט מען זיי באַגעגנט מי־זאַלפן פון ביקסן און מאַשינען־געווערן — און כמעט אַלע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן. ביז 6.30 זיינען אויפן שלאַכט־פעלד פאַרבליבן אַ 80 עגיפּטישע הרוגים.

ווען עס איז געוואָרן פינצטער, זיינען עטלעכע פאַרטיידיקער אַרויס פון זייערע פּאָזיציעס, אַריבערגעשפּרונגען דעם מינען־פעלד און צענויפגעזאַמלט די וואָפן פון די געהרגעטע, דערונטער שווערע וואָפן. פון די פאַרטיידיקער זיינען געפאַלן דריי און עטלעכע — שווער פאַרווונדעט.

דאָנערשטאָג, דעם 20־טן מאַי, איז דעם אָנגריף פאָרויסגעגאַנ־גען די זעלבע באָמבאַרדירונג, ווי מיטוואָך אין דער פרי. די פאַר־טיידיקער, וואָס זיינען נישט געשלאָפן אָנדערטהאַלבן מעת לעת און כמעט גאָרנישט געהאַט אין מויל, ווייל דאָס שפּייז אין די פּאָ־זיציעס איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט זאַמד, האָבן זיך שוין באַצויגן מיט גלייכגילטיקייט צו די שראַפּנעלן און צו די שווערע באָמ־באַרדירונגען און כלערליי אויפרייסן. מיט פאַרקריצטע ציין האָבן זיי געוואַרט אויפן צווייטן אָנגריף. דער דאָזיקער אָנגריף האָט זיך טאָקע אָנגעהויבן אַ זייגער 11.30 אין שטאַרקערע כוואַלעס ווי נעכטן. ער האָט זיך געצויגן 4 שעה, יעדע שעה — אַ נייע

כוואַלע. קרוב צו 400 פוסגייער־סאָלדאַטן האָבן מיט מוט אָנגע־גריפן דעם הייפל פּאַרטיידיקער. אָבער דאָס מאָל האָט זיי דער־וואַרט אַ שוואַרצער סוף — לכל הפחות 250 עגיפּטישע סאָלדאַטן זיינען דערהרגעט געוואָרן אין די פיר אָנגריף־כוואַלעס. פון די פּאַרטיידיקער זיינען דערהרגעט געוואָרן 7 און 15 — פאַרוואונדעט. מיטן זון־אונטערגאַנג איז דאָס פייער פון אָנגריף שוואַכער געוואָרן.

אָבער די פּאַרטיידיקער האָבן נישט באַקומען קיין אָפּרו־מעגלעכקייט. זיי האָבן געמוזט פאַריכטן די פּאָזיציעס, וואָס זיינען צעשטערט געוואָרן אין פאַרלויף פון טאָג, אָדער גראָבן נייע פּאָ־זיציעס. הונגעריק און דורשטיק און שרעקלעך מיד, האָבן זיי פאַר־געזעצט די שווערע אַרבעטן — און די שייסעריי אויף זיי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. דער שונא האָט שוין געקענט די לעבנסוויכטיקע פאַרבינדונגס־נערוון פון קיבוץ, און האָט במשך פון פרייטאָג און שבת אומאויפהערלעך באַהאָגלט מיט קוילן די פּאָזיציעס מיטן ציל זיי צו צעשטערן. אָבער אויך די קיבוץ־חברים האָבן שוין געקענט אונטערשיידן לויט דער שמיעה דעם קרייז־לויף פון שראַפּנעלן און באַצייטנס אָנווענדן פאָרזיכטיקייט־מיטלען. אין די צוויי לעצטע שווערע טעג זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן זייער ווייניק פון די קיבוץ־חברים און באַשיצער.

אינצווישן האָט זיך צעטראָגן אין דער לופט דער שלעכטער ריח פון די אַראַבישע פגרים. די פּאַרטיידיקער האָבן נישט געגעסן ווי געהעריק, כמעט ווי נישט געטרונקען און זיך נישט געוואַשן. אַ סך פון זיי זיינען באַדעקט געוואָרן מיט אייטערדיקע ווונדן. קיינער פון זיי איז נישט געשלאָפן. מיט איבערמענטשלעכע כוחות האָבן זיי פאַרגעזעצט און געוואַרט אויפן קומנדיקן אָנגריף.

דעם 23־טן מאַי, דעם לעצטן טאָג פון די שלאַכטן, זיינען אַלע לעבנסוויכטיקע פּונקטן פאַר דער פּאַרטיידיקונג פון קיבוץ באַהאָגלט געוואָרן מיט אַ שוידערלעכן און פינקטלעך־געצילטן פייער פון שווערע און לייכטע וואָפן. אַלע פּאָזיציעס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן איינע נאָך דער אַנדערער. די פּאַרטיידיקער האָבן געהערט

באַפֿעלן אין ענגליש. נאַכט־צו איז ווידער פאַרויסגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון קיבוץ אַ לאַנגע קאָלאָנע פון טאַנקן, פּאַנצערס, מאַשין־געווער־טרעגער און הינטער זיי אויטאָבוסן מיט סאָלדאַטן. דאָס מאָל האָבן די גבורים פון מצרים מורא געהאַט זיך פאַרמעסטן פנים אל פנים מיט די פאַרטיידיקער, און זיך באַהאַלטן הינטער זייערע פּאַנצערס אין דער האָפענונג, אַז זיי וועלן מאַכן אַ סוף צו די מידע און אויף טויט באַמבאַרדירטע יידן. אָבער זיי האָבן נישט געקענט דעם גייסט פון די פאַרטיידיקער. מיט האַנט־גראַנאַטן און אויטאָמאַטן זיינען אונזערע בחורים אַרויס קעגן די פּאַנצערס און טאַנקן פון שונא. נאָר צוויי טאַנקן איז געלונגען זיך אַריינרייסן אין הויף פון קיבוץ — אוןביידע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די פאַרטיידיקער. אַ 34־יעריקער חבר פון יד מרדכי, אַ טאַטע פון צוויי קינדער, נישט קיין היציקער בחור, האָט אָנגעפילט זיינע קעשענעס מיט גראַנאַטן און געלאָפן קעגן אַ טאַנק, כדי זיך וואַרפן אונטער אים און אויפגעריסן ווערן צוזאַמען מיט אים. אָבער ער איז דערהרגעט געוואָרן צוויי מעטער פון טאַנק, און דער טאַנק איז נישט אַרויף אויף אים. עטלעכע חברים האָבן געוואָרפן אויף אַ מאָל גאַנצע בינטלעך גראַנאַטן אויף די טאַנקן. עס איז געווען אַ קאַמף פון פלייש און גייסט קעגן אייזן. און דער גייסט פון ישראל האָט געזיגט. די פּאַנצער־„גבורים" האָבן זיך צוריקגעצויגן מיט חרפה. עטלעכע עגיפּטישע סאַבאָטאַזשניקעס־צעשטערער, וואָס זיי איז געלונגען זיך אַריינגנבענען אין שטח פון קיבוץ, זיינען פאַרניכטעט געוואָרן ביז צום לעצטן. אין אָט דעם גרויסן טאָג זיינען דערהרגעט געוואָרן 6 און פאַרוווּנדעט געוואָרן 10 פאַרטיידיקער.

די פּאַנצערס האָבן זיך צוריקגעצויגן אונטער דער דעקונג פון מינען־וואַרפער און מאַשינען־געווער. די בחורים וועלכע זיינען פאַרבליבן אין רואינירטן קיבוץ, אָפגעשניטן פון דער וועלט, אָן פאַרשטאַרקונג און אָן האָפענונג פאַרצוזעצן אין זייער לאַגע — האָבן באַשלאָסן עוואַקואירן דעם אָרט, ביז זיי וועלן זיך קענען אומקערן צו אים מיט באַנייטע כוחות. זיי האָבן גאָרנישט געפילט אויסער

איין וווּנש, זיך אַרומוואַשן און שלאָפן. דער ריח פון די פגרים איז געווען אומדערטרעגלעך. ווען זיי וואָלטן פאַרבליבן אויפן אָרט, וואָלטן זיי אין אַ טאָג צוויי אַרום אָנגעשטעקט געוואָרן מיט טיפוס. און שלעפנדיק קוים די פיס, טראָגנדיק מיט זיך מער געווער ווי זיי האָבן געהאַט אין אָנהויב פון די קאַמפן, האָבן זיי זיך אין דער פינצטער, אונטער אַ האָגל פון קוילן, צוריקגעצויגן דורך די זאַמדן פון מדבר.

150 שעה זיינען זיי געשטאַנען אין אומאויפהערלעכע קאַמפן. 30 טויזנט שראַפנעלן זיינען אויף זיי אויסגעשאָסן געוואָרן. זיי האָבן אַנטפלעקט אַ ווונדערבאַרע אויסדויער־קראַפט און העראָאיזם. ווי־נאָר זיי זיינען אָנגעקומען אויף אַ זיכערן אָרט, האָבן זיי צוגע־מאַכט צום שלאָפן די פון מידקייט און פיין צעריסענע אויגן — און האָבן אפילו נישט געוווּסט וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אין די דאָזיקע זעקס טעג.

יד מרדכי הייסט דער קיבוץ — אויפן נאָמען פון מרדכי אַ נ י ־ ל ע װ י ט ש, דער קאָמאַנדיר פון געטאָ־אויפשטאַנד וואַרשע. און דער קיבוץ האָט מיט ווירדע אָפּגעהיט מרדכי׳ס צוואה.

אונטערערדיש לעבן אין נגב

(אַ חבר פון ניר־עם דערציילט)

„...די לעצטע נאַכט בין איך געקומען פון ניר־עם. כ׳וויל פעסטשטעלן, אַז דער נגב — אויף וויפיל איך קען אים, און איך האָב באַזוכט אויך די ישובים וועלכע זיינען שווער אָנגעגריפן געוואָרן — האָט נישט אויפגעהערט צו לעבן מיט אַ געפיל פון זיכערהייט, אין אַ גוטער שטימונג און אין פעסטן גלויבן אַז ער וועט אויסהאַלטן און זיגן.

חברים פרעגן מיך: דו ביזט געקומען פון ניר־עם, געפינט איר זיך נאָך דאָרט, איז נאָך עפּעס געבליבן אין דער סביבה? וויל

איך, דעריבער, איר זאָלט וויסן דעם גאַנצן אמת, איר זאָלט וויסן די פאַקטן, סיי די גוטע און סיי די שלעכטע.

עס איז פאַראַן אין נגב אַ סך, גאָר אַ סך, אויף דער ערד. הייזער זיינען צעשטערט געוואָרן, ווירטשאַפטס־געביידעס זיינען געטראָפן געוואָרן, אָבער נאָר עטלעכע ישובים אונזערע זיינען זייער שטאַרק רואינירט געוואָרן, אַנדערע ווייניקער און אייניקע גאָר לייכט. עס עקזיסטירט די ווירטשאַפט. מען גראָבט אויס קאַרטאָפל. דידאָזיקע יונגע ישובים, וואָס דער יינגסטער פון זיי ציילט קוים עטלעכע יאָר פון זיין קיום, גרייטן איצט צו גרינס־פעלדער. עס קען זיין, אַז דאָס איז ווייניק, נישט גענוג, אָבער מען לעבט און מען אַרבעט. נאָכדעם ווי מען האָט אַ מאָנאַט צייט נישט באַוואַסערט — איז ווידער באַנייט געוואָרן די באַוואַסערונגס־אַרבעט. מען נעמט אַראָפּ דאָס פּרוכט פון די פעלדער און מען שיקט די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן אין אַנדערע ישובים פון נגב. אין ניר־עם האָט מען נישט אָפּגעשטעלט די באַוואַסערונג פונם ווייגאָרטן אויך ווען מען האָט אַ גאַנצן טאָג באָמבאַרדירט, ווייל דער וויין־גאָרטן־ציכטלער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: דער גאָרטן, אויב ער וועט חרוב ווערן, קען מען אים באַנייען אין פאַרלויף פון איין סעזאָן, דעם וויינגאָרטן דאַקעגן — ערשט אין דריי יאָר. און מען האָט באַוואַסערט אויך אַנדערע ערטער. מען טוט פאַרשידענע אַרבעטן. אָט איז פאַראַן נישט ווייט פון אונז אַ בערגל, דער „בערגל פון מקורות״ (די וואַסער־געזעל־שאַפט פון דער הסתדרות), וואָס איז שווער באָמבאַרדירט געוואָרן, נאָך מער ווי ניר־עם. אָבער דאָס וואַסער שטראָמט אין אַלע ווינקלען פון נגב, ביז צו די סאַמע ווייטסטע. עס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דער וואַסער־שטראָם אין נגב במשך פון אַלע שווערע טעג פון דער באָמבאַרדירונג.

אין איינעם אַ העלן פרימאָרגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אונזערע פעלדער אַ „פּאַראַשוטיסט״ — אַ וואַסער־פּאָמפּע פאַר איינעם פון אונזערע ישובים, וווּ־אַהין מען האָט נישט געקענט צוקומען. אַן אינסטאַלאַטאָר פון אָט דעם ישוב האָט תיכף גענומען

די פּאָמפּע אין האַנט אַריין — און וואַסער האָט אָנגעהויבן פליסן. דריי מינוט נאָכדעם ווי ס'איז באַמבאַרדירט געוואָרן אַן אַנדער ישוב, איז די וואַסער־אינסטאַלאַציע פאַריכט געוואָרן — און עד היום האָט דער ישוב וואַסער.

און נאָך אַ גרויסע זאַך איז פאַראַן אין נגב, אין דער מערהייט פון זיינע ישובים: אַן אונטערערדיש לעבן. מיר האָבן אַליין געגראָבן קאַנאַלן און געבויט פעסטונגען, מיר האָבן אויסגעבויט אַן אונטערערדיש עס־צימער און קיך, א.א.וו. — נישט נאָר שוץ־שעלטערס קעגן לופט־אָנגריפן. דער נגב האָט זיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען — און איז גרייט צום פאַרמעסט מיטן עגיפּטישן מיליטער אויפן שלאַכטפעלד. מיר זיינען אַ גאַרניזאָן און אַ לעבעדיקע פעסטונג.

אַ קאָנוואָי אויף די וועגן פון נגב

נאָך אַ רייזע פון אַ טאָג, איז אַ גרויסער קאָנוואָי אָנגעקומען צו זיין באַזע. נאָך היינט ביינאַכט און במשך פון מאָרגנדיקן טאָג, וועט די משא פאַרטיילט ווערן צווישן די ישובים איבערן גאַנצן נגב — ביז צו די סאַמע ווייטסטע און פאַראייניזאַמטע. צוזאַמען מיט דער אָפּראָוויזאַציע וועט אויך קומען אַ לעבעדיקער גרוס פון גאַנצן ישוב.

מיט געפילן פון שטאָלץ און זיכערהייט האָט דער קאָנוואָי אָנגעפילט די הערצער פון די חברים אין די ישובים, דורך וועלכע ער איז פאַרביי געפאָרן: אַ לאַנגע ריי פון לאַסט־אויטאָבוסן, באַגלייט דורך געפאַנצערטע אויטאָס — אַ מיליטערישע קאָלאָניע. אויף די קאָמאַנדיר־פאַנצערס פלאַטערן קליינע דריי־עקיגע פענדלעך און די דינע ראַדיאָ־טעלעגראַפישע דראָטן.

ווען נישט יענער צופעליקער צוזאַמענשטויס אויפן וועג, וואָס אין רעזולטאַט פון אים איז ליקווידירט געוואָרן אַן עיראַקישער באַנדן־קאָמאַנדיר און זיין פּרעכטיקע טעקסי איז גענומען געוואָרן אַלס מלחמה־רויב, וואָלט דער קאָמאַנדיר געקענט רעזיומירן די אָפּע־

ראַציע מיט זיין סטערעאָטיפּישן נוסח: „דער קאַנוואָי פון צפון איז אָנגעקומען בשלום אין נגב״.

אָבער אַלע ווייסן, וויפל זאָרג און ציטער, מי און אַרבעט, ליגן אין אָט דער קורצער און פשוטער מעלדונג. די נגב־קאָנוואָיען קרייצן די אָפענע פליינען פון די נגב־סטעפּעס, גרייט תמיד צום פאַרמעסטן זיך מיטן שונא, אָבער נישט דוקא אויפן אָרט וווּ ס׳איז גינסטיק פאַר אים, וווּ ־ער לויערט פאַרבאַהאַלטענערהייט הינטער זיינע פאַר־פעסטיקטע פּאָזיציעס.

שוין אין דרום דערזעסטו ברייטע תבואה־פעלדער. געבענטשט איז געווען דער ווינטער מיט רעגן — און די זאַנגען זיינען היפּש אויפגעגאַנגען. און איצט באַוועגן זיי זיך, ווי אַ ים פון גאָלד...

דו קוקסט אַרויס, אַ פאַרווּנדערטער, פונעם קליינעם פענצ־טערל פון געפּאַנצערטן אויטאָ, און דיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט פרייד: שוין לאַנג האָט דער נגב נישט געזען אַזאַ געראָטעניש. ערטערווייז הויבן זיך אויף זאַנגען אַ מעטער די הויך. אָבער דער טעמפּער שטאָל פונעם אויטאָ, די קליינינקע פענצטערלעך, דערמאָנט דיך גלייך, ווי־אַנדערש איז דאָס יאָר אין לאַנד פון אַלע יאָרן, און ווי־פאַרשידן איז די רייזע דורך און פאַרביי פיינטלעכע דערפער פון אַלע אַנדערע געוויינלעכע רייזעס. צי וועלן די פעלאַכן זיך בעסער פאַרנעמען מיטן שניט, אָדער אַריינגעצויגן ווערן אין מלחמה און חורבן? צי וועלן זיי נישט בעסער זיך פאַרנעמען מיטן שניט פון זייערע תבואות, נאָך די יאָרן פון טריקעניש אין נגב?

דער קאָנוואָי איז אַראָפּ פון וועג און שניידט דורך אַ תבואה־פעלד. דער ערשטער פּאַנצער באַנט דעם וועג פאַר די איבעריקע. ווי ער וואָלט זיך געטרונקען אין אַ ים פון זאַנגען. ווי די זאַנגען וואָלטן זיך געשטויסן אַריינקוקן דורך די קליינע פענצטערלעך... דער קאָנוואָי טרעט שטאָלצע זאַנגען; די מלחמה טרעט שטאָלצע פריידיקע יוגנט.

די זון ברענט דעם שטאָל אינעם פּאַנצער — אַ גליענדיקע לופט. לאַנגזאַם ציט זיך דער קאָנוואָי. לאַנגזאַם און באַזאָכט.

און אַט — שיסערייען! פון דער נאָענט. פון דעם גרויסן און פיינטלעכן דאָרף, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם הויפּט־וועג מיט אַ ריי קאַנאַלן און אויסגראַבונגען, כדי נישט צו דערמעגלעכן אונז די רייזע, כדי אויסצוהונגערן דעם נגב.

אַ מאָטאָריזירטע אָפּטיילונג באַוועגט זיך שנעל אין דער ריכטונג פון דאָרף. זי דאַרף זיכערן דעם דורכגאַנג פון דעם קאָנוואָי. מיר אַלע ווייסן און פילן: דאָ וועלן זיך אָפּשפּילן די אַנטשיידנדיקע שלאַכטן. מיר וועלן זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם וועג. און יעדער איינער ווייס: אַט דער קאָנוואָי און די אַלע וואָס וועלן קומען נאָך אים, זיי דערנענטערן די אויסזיכטן פון אונזער זיג.

דער קאָנוואָי איז פאַרביי דעם דאָרף און אַרויס ווידער אויפן שאָסיי. דאָסמאָל איז עס אונזער שאָסיי, וואָס פירט דירעקט צו אונזערע ישובים, צו אונזער נגב. דער שאָסיי איז אָפן און פריי. די אויטאָבוסן האָבן זיך אַ לאָז געטון איילּיק־שנעל — צום ציל.

„דער קאָנוואָי איז אָנגעקומען בשלום אין נגב".

יידישע לופט-אַטאַקע אויף עזה

ס׳איז געווען אַ שיינע לבנה־נאַכט. מיר האָבן געהאַט אַלע אויסזיכטן אויף דערפאָלג. ראשית איז געווען קלאָר, אַז דער שונא ריכט זיך נישט אויף אונז. צווייטנס, איז עס געווען אונזער ערשטע גרויסע לופט־אָפּעראַציע זינט דעם 15־טן מאַי. ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג און ס׳איז אָנגעקומען די ליסטע פון די אָנטיילנעמער אין דער אָפּעראַציע — און אויך מיין נאָמען אויף איר.

אויף דער באַזע

זעקס אַ זייגער אָוונט האָט אויף אונז געוואַרט דער אויטאָ. ווען מיר זיינען געקומען אויף דער באַזע, האָב איך דערזען אונזערע אַעראָפּלאַנען אויף זייערע פּלעצער, ווי זיי וואָלטן שטאָלצירט מיטן

בלויען מגן דוד אויף זייערע פליגלען. די פּאַכלייט האָבן צום לעצטן מאָל קאָנטראָלירט די מאַשינען. באַלד האָט מען אונז גערופן אין אָפּעראַציע־צימער, ווו ס'איז געלעגן אויפן טיש אַ גרויסע גענויע מאַפּע פון עזה מיט די אָנגעצייכנטע ציל־אָביעקטן.

דער אָפיציר אינפאָרמירט אונז וועגן די פיינטלעכע כוחות אין דער סביבה און ווו עס געפינען זיך די זעניט־האַרמאַטן. דער מעטעאָראָלאָגיע־אָפיציר גיט איבער איינצלהייטן וועגן די וואָלקנס, זייער הויכקייט און זיכטבאַרקייט. איך האָב געדאַרפט דינען אַלס וועג־ווייזער פון דער באָמבאַרדירונג. איך האָב געדאַרפט אַרויס דער ערשטער מיט מיין עראָפּלאַן, אויסגעפינען דעם ציל־אָביעקט און אים באַוואַרפן מיט אויפרייס־ און ברען־באָמבעס. די איבעריקע מאַשינען האָבן געדאַרפט דערשיינען אין הפסקות פון פינף מינוט איינע נאָך דער אַנדערער.

פאַר דער נול־שעה

איך בין אַוועק צום עראָפּלאַן און בייגעוווינט דאָס אָנלאָדן די באָמבעס. די מאָטאָרן האָבן אָנגעהויבן פונקציאָנירן און סאַפּען — און באַלד דערנאָך אַלע איבעריקע מאַשינען. איך מיט מיין פּילאָט זיינען אַריין אין דער מאַשין. מיר אַלע האָבן שוין דורכגעפירט אַ סך לופט־אָפּעראַציעס, הגם מען שרייבט און מען רעדט נאָך דערווייל נישט וועגן זיי.

צוויי מינוט פאַרן אָפּפליען האָט זיך באַוויזן דער קאָמאַנדיר, קאָנטראָלירט די מאַשינען און אויפהויבנדיק די האַנט געווונשן אַ „גליקלעכן וועג".

די נאַכט איז געווען אַ פּרעכטיקע. די לבנה האָט אונז באַלויכטן דעם הימל. אויפן וועג צום ציל האָבן מיר געזען תל אביב.

איבער עזה

מיר זיינען אין וועג. די יידישע קאָלאָניעס ג. און ר. זעען זיך פונדערווייטנס. די אַראַבישע שטאָט א. הינטער אונז. ערשט נישט

לאַנג פלעגט זי כסדר באַפאַלן אונזערע ישובים אין דרום, איצט אָבער — קיין איין פלעמל זעט זיך נישט פון דאָרט — זי איז עוואַקואירט און פאַרלאָזן. נאָך עטלעכע סעקונדן — און מיר זיינען איבער עזה.

מיט אַ מאָל דערזעען מיר אַ שפע פון ליכט נישט ווייט פון אונז. נאָך אַ ווייטערדיקער קאָנטראָל האָבן מיר ענדגילטיק פעסט־געשטעלט — דאָס איז עזה. די גאַסן באַלויכטן. די מיליטער־לאַגערן שטראַלן ממש מיט ליכט. ס׳איז נישט שווער געווען פעסטשטעלן דעם ציל־אָביעקט.

זיינען מיר געפלויגן אַ זעקס קילאָמעטער צו דרום־זייט און זיך פאַרנומען אויף מזרח. מיר האָבן געוואָלט צוקומען צום אָביעקט, האָבנדיק די לבנה לינקס פון אונז. דער אַעראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן פליען אין דער ריכטונג צום ציל. אין דער ריכטונג פון עזה מערקן זיך עטלעכע לויכטנדיקע קוילן פליען צום הימל. די באָמבעס זיינען מוכן ומזומן. „רעכטס״, „לינקס״, „גלייך״ — דאָס זיינען די איינציקע ווערטער וואָס האָבן זיך געהערט אין אַעראָפּלאַן. מיר האָבן זיך תיכף געלאָזט אויף לינקס און געוואַרט אַ פּאָר סעקונדן. מיט אַ מאָל איז דער גאַנצער שטח געוואָרן באַלויכטן מיט אַ העל ליכט. באַלד דערנאָך — אַ שטאַרקער אויפרייס און עטלעכע שרפות. דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז מיר האָבן געטראָפן דירעקט אין אָביעקט.

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן דעם צווייטן ציל. מען האָט אים גרינג אויסגעפונען, און דאָרט האָט זיך דאָס זעלבע קאַפּיטל איבער־געחזרט. אויך דאָ האָבן מיר געטראָפן דירעקט אין ציל.

זעניט־אַרטילעריע באַשיסט אונז

מיר האָבן אָנגעהויבן פליען צוריק צו אונזער באַזע. פלוצלונג דערזעען מיר ווי רויטע שראַפּנעלן הויבן זיך אויף צום הימל און רייסן אויף נישט ווייט פון אונז. דאָס זיינען געווען די עגיפּטישע זעניט־האַרמאַטן. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן העכער, כדי צו אַנט־קומען. מיין אינערלעכער געפיל איז אין דעם מאָמענט נישט געווען

איבעריק גלענצנד. דאָס אַלץ האָט אָבער געדויערט גאָר קורץ, און באַלד זיינען מיר געווען ווייט פון פייער. איך האָב מיך פאַרבונדן מיט דער באַזע. פון דאָרט האָט מען צוּוויסן געגעבן, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

און אָט זיינען מיר ווידער איבער אונזער באַזע. איך האָב געבעטן אַ דערלויבניש זיך באַלד אַראָפּלאָזן. דער מאָטאָר האָט עטלעכע מינוט געסאַפּעט און פאַרשוויגן געוואָרן.

מיר זיינען געווען די ערשטע צום אַרויספליען און די לעצטע צוריקצוקומען. אַלע זיינען צופרידן. באַלד האָט מען אונז „אַרויפ־געלאָדנט" אויף אַן אויטאָ און צוריקגעפירט צום אָפּעראַציע־צימער, וווּ מיר זיינען גענוי אויסגעפאָרשט געוואָרן. אין אַ שעה אַרום בין איך שוין געשלאָפן.

אין דער פרי האָבן די צייטונגען געמאָלדן: „די יידישע אַוויאַציע האָט היינטיקע נאַכט באָמבאַרדירט מיליטערישע אָביעקטן אין עזה־געגנט. אַלע אַעראָפּלאַנען זיינען בשלום צוריקגעקומען צו זייער באַזע".

אויפן ראנד

אונזער יוגנט

אַ פּאָטער פון אַן איינציק געפאַלענעם זון האָט פאַר־עפנטלעכט אין „דבר" „אַ בריוו צו די פּאָטערס און מוטערס אין ארץ־ישראל". דער זון איז געפאַלן אין אַ שטראָף־אַקט קעגן אַן אַראַבישן דאָרף, וווהין עס זיינען אַנטלאָפן די רוצחים פון די יידישע אַרבעטער אין די נאַפט־ראַפינעריעס אין חיפה.

אין אַ האַלב יאָר שפּעטער איז געפאַלן אויך דער פאָטער, דער שרייבער פונם בריוו (י. בן־דור, אַ מיטאַרבעטער פון „דבר" און דער פאַרטרעטער פון דער ציַיטונג אין ירושלים).

אין בריוו ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

די נעגל, מיט וועלכע די יידישע נקמה־נעמער צערייסן די קער־פּערס פון די מערדער, זיינען קינסטלעכע, זיי זיינען געליען געוואָרן פון דער רויבערישער וועלט, וואָס פאַרגיסט אומברחמנותדיק אונזער בלוט. אונזערע זין וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די בלוטיקע נעגל, ווען ס'וועט צעשטערט און דערווייטערט ווערן די בייזווילקע מאָרד־און דערשטיקונגס־געפאַר קעגן אונז. אונזערע קינדער זיינען געבליבן אין דער טיפעניש פון זייער נשמה ריינע שעפסעלעך, אויך נאָכדעם ווי די בלוט־דורשטיקע וועלף האָבן זיי געצוווּנגען צו באַצאָלן זיי מיט זייער אייגענעם פּרייז.

עס זיינען פאַריבער שווערע בלוטיקע וואָכן, און ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די נאַציס פון אַראַבישן מזרח ווילן אונז אויסראָטן, און

אַז עס איז נישטאָ קיין האָפענונג, אַז עס זאָל עמיצער אָפּשטעלן די ווילדע מעשים. אונזערע מאָראַלישע טאָרמאַזן עקזיסטירן, און מיר האָבן באַצאָלט מיט אונזערע קערפּערס דעם בלוטיקן שטייער. מיר האָבן נישט געהרגעט די, וואָס האָבן זיך געגרייט אונדז צו מאָרדן, ווייל מיר האָבן געהאָפט: אפשר וועט זיך די מערהייט פון דעם אַראַבישן פאָלק פאָרט זיך נישט נאָכשלעפּן נאָך דער מינדערהייט, וואָס האָט אָנגעהויבן די בלוטיקע געשעענישן.

דערווייל האָט זיך אונזער בלוט געגאָסן ווי וואַסער, אויף די שאָסייען און די גאַסן פון די שטעט. מ׳האָט געברענט און געמאָרדעט. די מאָראַלישע טאָרמאַזן אונזערע האָבן נישט געטויגט. און ווען אונזערע זין רייסן זיך איצט אַריין, מיט אַ ברויזנדיקן צאָרן, אין די רוצחים־נעסטן, אין מיטן העלן טאָג און אין דער נאַכט־פינצטערניש, צו זייען דאָרט שרעק און פייער, — קערן זיי צוריק בלויז אַ טייל פון דעם אומגליק, אין וועלכן דער שונא וויל אונדז דערטרינקען. זיי זייַנען נישט בלוטדורשטיק, און דעם סערפּ האָבן זיי נישט פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטיקן שפּיז. זיי דערפילן אַ מאָראַלישע פליכט, ברענגענדיק די מלחמה אין טויער פון פיינט. אונזערע זין און טעכטער וועלן פאַר קיין פאַל נישט איינשטימען אויף אַ רויבערישער אָרדענונג. זיי וועלן נישט מותר זיין אויף יידישע לעבנס, אויף אַ געסל אין אַ יידישער פאַרשטאָט און אויף קיין איינעם פון אונזערע רעכט, אויף די רעכט, וואָס קומט יעדן פאָלק. אויב דער פיינט וויל צעברעכן אונזער זיכער־קייט — וועלן זיי אים נישט דערלאָזן, דעם פּאַגראָמטשיק, רוהיק אַרומפאָרן איבער די וועגן און שפּאַצירן אין זיינע דערפער. ווער עס איז אַרויס צו מאָרדן יידן אין די גאַסן — וועט אויך נישט האָבן קיין רו אין זיין אייגענער וווינונג. ווייל און גוט איז אונדז, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו דערציען אַזאַ העראָאישן דור פון קעמפער, וואָס טרינקען פון די גבורה־קוואַלן, נישט ווערנדיק שיכור.

גייט נאָר אַרויס און גיט אַ קוק אויף די שליחים פון דער יידישער נקמה! וואָס זיינען זייערע שטרעבונגען, און ווו פאַרווענדן זיי די אומערשעפּלעכע קוואַלן פון ענערגיע, אין די טעג ווען מ׳גיט

אונז פריי די לופט צו אָטמען: באַלאָדענע מיט אַרבעט און מי, דורכ־געדרונגענע מיט אַ שטרעבונג צו פּאָעזיע און קונסט, צו וויסענשאַפט און ליטעראַטור. די הייליקייט פון גע‏טלעכער געשטאַלט, וואָס איז אין מענטש, איז איינגעוועבט אין זייער גייסטיקער אויפפאַסונג. איר וועט עס דערקענען אין די קינדער־שפּילערייען ביז דעם אידעאַליסטן־גייסט אין די יוגנט־באַוועגונגען, וואָס זיי שטעלן אויף. זיי ווייסן נישט וואָס איז אַזוינס שנאה. זיי האָבן אויך נישט געפּילט קיין פיינד־שאַפט צו די אַראַבער. געני ווי מיר, זייערע עלטערן, האָבן זיי פאַר זיך אָנגעצייכנט אַ ליניע אויפן גאַנצן לעבן — די ליניע פון אַרבעט און שאַפן. די קוואַלן פון ענערגיע און די כוחות־בערג האָבן זיי אויסגעלאָדן אין דער שאַפונג, אינעם אויפלעבן די וויסטעניש. אונזערע יונגע אָדלערס ווייסן אויך ווי די מילבן אַרבעטן פאַר דער יידישער שאַפונג.

די זעלישע גאַנצקייט — דאָס איז עס די פּרעכטיקע נחלה פון אונזערע זין און טעכטער, מיט לייכטענדן בליק און די ריינע הערצער. זי האָט עס זיי פאַרוואַנדלט אין יונגע לייבן. ווען דער שונא וויל זיך וואַרפן אויף אונזערע אָרעמע פעלדער, דאַן פרעסן זיך איין אין אים קוילן און פיילן און העק, אַנשטאָט די פידלען און וויאָלענטשעלעס פון אונזערע יונגינקע דוד׳לעך, וואָס קומען פון אונטער די סטאַדעס שעפסן, פון פישער־שיפעל אויפן ים און פון בוך. זיי נעמען אויף זיך דעם שווערסטן יאָך, אפילו דיסציפּלין, וואָס איז דער שווערסטער קרבן פאַר זייער גייסט. מיט פאַרקריצטע ציין און געביילטע פויסטן, מיט אַן אויפגעשטורמטער האַרץ, פאַרהאַלטן זיי ציטוויייליק זייער צאָרן, אָבער ווען דער יסורים־כוס ווערט איבערפולט, ווי עס איז געווען אין דעם פאַל פון די נאַפט־ראַפינעריעס אין חיפה, דאַן וואַרפן זיי זיך און זייער גאַנצער צאָרן ווערט אויסגעגאָסן אויפן שונא...

זיי קענען נישט וויינען און קלאָגן. דער גאָט פון נקמה רעדט אַרויס פון דער נאַאיווער יוגנט, וואָס מיר האָבן דערצויגן, פון די שלום־רופן צו אונזערע שכנים און צו דער וועלט, זיי זאָלן רחמנות האָבן אויף אונז און אויף זיך זעלבסט, און עס זאָל אונז געגעבן

ווערן זיכערקייט, רו און לופט צו אָטעמען. אונזערע קינדער ווייסן ווי אויפריכטיק מיר שטרעבן צו שלום, און די איבערצייגונג שמידט זיי אויס צום קריג וואָס ווערט אונז אָנגעוואָרפן. ווי וואָגן עס די נידערטרעכטיקע רויבער, די סוחרים פון שקלאַפעריי, די מדבר־צבועקעס, צוצורויבן ביי אונז די זיסקייט פון לעבן, די שיינקייט פון פאָטערלאַנד, די בערג און די טאָלן פון אונזער פאָטערלאַנד, וואָס זיינען אויסגעמאָסטן געוואָרן דורך אונזערע קעמפער, ווען זייערע פיסעלעך זיינען געווען דין און יונג. די טאָלן, די וועגעלעך און שטעגעלעך, די דאָזיקע בערג און פעלזן וועלן פאַר קיין פאַל נישט ווערן פאַרבאַהעלטענישן פאַר מערדער. כל זמן די אויגן פון אונזערע יונגע זין און טעכטער זעען עס — וועט עס נישט געשען!

און איצט טרעפן בליצן אין אונזערע יונגע בוימער. זיי פאַלן מיט ליבע. ליבע — איז זייער לעצטער געפיל. זיי האָבן נישט קיין האַר פיינטשאַפט קעגן אונז, ווייל מיר האָבן זיי דערצויגן צו ריינקייט און גאַנצקייט, ווייל מיר האָבן איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער די ליבע צו דער פרייהייט און צו אַ גלייכן רוקן־ביין. זיי דאַנקן אונז, ווייל מיר האָבן איינגעפלאַנצט אין זיי די אויפפאַסונג פון גלות־ווייטאָג און דעם געפיל, אַז ס'איז אַ שאַנדע צו לעבן ווי אַ שוואַכלינג. ווען זיי גייען אַרויס צו שלאָגן דעם פיינט, מיינען זיי דערמיט צו שלאָגן אַלע פיינט פון אַלע דורות. און ווען זיי גייען אַרויף אויפן מזבח מיטן יוגנט־געזאַנג, מיינען זיי דערמיט צו ברענגען דעם פרייהייטס־קרבן, וואָס קען נישט אויסגעמיטן ווערן דורך די, וואָס ווילן און מוזן לעבן — — —

אונזערע מאַמעס

אין קאַמף פאַר גוש עציון, צווישן די ערשטע 35 העלדיש־אומגעקומענע — די בעסטע פון די בעסטע פון אונזערע זין — איז געפאַלן אויך ער, דער עילוי, דער זון פון אונזער דאָרף. ווי אַ פאַרווונדעטער פויגל וואָס גייט אָפּ מיט בלוט, איז אַרומגעלאָפן די פאַראומגליקלעכטע מאַמע פון אויטא צו אויטא, כדי אָנצוקומען צו דער לוויה פון איר זון. אומזיסט. די וועגן זיינען געווען פאַרשפאַרט אויף יענעם פראָנט־אָפּשניט, ווו עס האָט געזאָלט פאַרקומען די קבורה. זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים — און דער קבר וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן פאַר אים אין זיין געבורטס־דאָרף, האָט נישט זוכה געווען אים אויפצונעמען.

שטילשווייגנד האָט זי זיך אומגעקערט צו איר אַרבעט, פון זון־אויפגאַנג ביז זון אונטערגאַנג.

מיט נאָך מער עקשנות רייסט זי אויס די ווילד־גראָזן אין דעם גרינס־גאָרטן. די אַרבעט איז איצט איר איינציקע טרייסט, דער איינציקער שוץ־אָרט צו וועלכן זי אַנטלויפט פון איר ווייטאָג, טרויער, איינזאַמקייט און פון איר צער צוליב דעם, וואָס אויך ביי זיין קבורה איז זי נישט געווען און וואָס ער האָט נישט זוכה געווען אפילו צו רוהען אין זיין דאָרף.

און די רעשטן צערטלעכקייט פון איר נשמה לייגט זי איצט אַריין אינם פלעגן ז י י נ ע בלומען, וואָס ער האָט זיי אַזוי ליב געהאַט און שטודירט. איז ער דאָך אַוועק פונעם פעלד אין עמק צום אוניווערסיטעט אין ירושלים, ווו ער האָט שטודירט די ארץ־ישראל׳דיקע געוויקסן־וועלט, וואָס צוזאַמען מיט איר איז ער אויסגעוואַקסן.

ס׳איז נישט פאַרביי קיין לאַנגע צייט, און נייע קאַמפן האָבן זיך צעפלאַקערט אויפן אַלטן גרייז, אויפן גלבוע־באַרג. די אָפּהילכן פון די שיסערייען האָבן זיך געהערט אין גאַנצן עמק. די מענטשן און די זידלונגס־פונקטן האָבן אָבער פאַרגעזעצט זייער אַרבעט, הגם דאָס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט און די בליקן זיינען געווען געווענדעט

צום שווערן קאַמף וואָס האָט געבושעוועט אויפן באַרג. אָוונט־צו איז דער קאַמף איינגעשטעלט געוואָרן. זיבן בחורים — זיבן זין פון גלבוע, וואָס פון קינדווייז־אָן פלעגן זיי קלעטערן אויף אים רייסן בלומען, — זיינען אויף אייביק שטיל געוואָרן. שטיל־שווייגנדיק האָט יעדע זידלונג געבראַכט צו אייביקער רו איר טייער קינד. און דער קבר, וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן פאַרן זון וואָס איז געפאַלן אין די בערג פון עציון, האָט אויפגענומען אין זיך דעם זון וואָס איז געפאַלן אויפן גלבוע.

און די מאַמע, וואָס האָט נישט זוכה געווען צו באַגראָבן איר זון אין איר דאָרף, צערטלט דעם קבר פון זיין חבר מיטן גאַנצן גלוט פון איר האַרץ.

און קוק: זי — די סענטימענטאַלע מאַמע, וואָס האָט זוכה געווען צו דערציען אַ סך זין, וואָס איינער פון זיי האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון דער אַרמיי, חתונה געהאַט און געבראַכט איר דעם ערשטן אייניקל — זי נעמט אויף די ידיעה וועגן אומגליק אָן אַ טרער, זי טרייסט די שנור, האַלט אונטער דעם זיך־וואַקלענדיקן אַלטן טאַטן, זאָרגט פאַר דער אַרבעט און פאַר דערווירטשאַפט. און די אַרבעט ברענט, און די פאַראומגליקלעכטע און פאַרטרויערטע מענטשן זוכן און געפינען אין איר אַ נייעם ציל — אַנטלויפן פון דעם פרעסנדיקן און נאָגנדיקן טרויער, זיך באַהערשן, זיך באַווייזן ווי אַ געוויינלעכער מענטש פון ישוב, ווייל זי, די מאַמע, טראָגט דאָך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע.

זי מוז זיין שטאַרקער פון אַלע. און נאָר אָוונט־צייט וועסטו זי אָפט טרעפן שפּאַצירנדיק מיטן קליינעם אייניקל צווישן די בוימער פון דער אַלעע, וואָס זיינען געפלאַנצט געוואָרן אויפן נאָמען פון איר זון, פליסטערנדיק צו די יונגע פלאַנצן וואָס באַמיען זיך גובר זיין די שווערע איינוואָרצלונגס־ווייען אינעם באָדן, אַזוי־ווי זי וואָלט געשמועסט מיט איר האַרציק־ליבן זון.

צו די שלושים

מיר ברענגען דאָ אַ הספד, וואָס אַ פּאַטער האָט געהאַלטן נאָך זיין זון, וועלכער איז געפאַלן אין די שלאַכטן. דער פאַטער — איינער פון די ערשטע אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, איינער פון די וואָס האָבן געלעגט דעם גרונדשטיין פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. אין אַ צייט אַרום האָט דער פאַטער פאַרלאָרן אויך זיין צווייטן, יינגערן זון, וועלכער איז געפאַלן אין נגב.

„...עס איז איצט נישט קיין צייט פאַר קלאָגן און וויינען. דער גורל פאָכעט נאָך מיט זיין שווערד אויף אונז אַלעמען און באַזונדערס אויף אונזער יוגנט. מען קען נישט וויסן, וועמענס ריי עס וועט זיין מאָרגן. נאָך מער: עס איז איצט מער נישט קיין צייט פאַר געדריקטע שטימונגען, ווייל מיר פירן דאָך אַ מלחמה מיט אַן אכזריותדיקן שונא. און די מלחמה פאָדערט פון אונז קאַלטבלוטיקייט און באַזאָכטקייט אויך אין טרויער־מאָמענטן.

אויב דער לאָזונג „פרייהייט אָדער טויט" וועט נישט זיין ביי אונז אַ רוטין־ווערטל נאָר אַ טיפע לעבנס־איבערציייגונג וואָס באַהערשט די געדאַנקען און געפילן — וועלן מיר באַשטימט דערגרייכן די אויסגעטרוימטע פרייהייט, טראָץ דער שנאה און די מעכטיקע שונאים וועלכע האָבן אונז אַרומגערינגלט מיט אינטריגעס און כלי־משחית.

עס גייט אַרום ביי אונז אַ באַפליגלט ווערטל: „נישט מסדה!" דאָס מיינט — נישט קיין לעצטע יאוש־שלאַכט, נישט קיין זעלבסט־מאָרד פאַר דער באַפרייונג פון שקלאַפעריי. און איך זאָג אייך: מיר מוזן זיין גרייט אויך צו אַ מסדה, צום סאַמע ערגסטן. און אויב מיר וועלן באמת זיין גרייט אויף דערצו, וועלן מיר נישט דערגיין מער צו אַ מסדה, נאָר מיר וועלן דערגרייכן אונזער פולע פרייהייט און די יידישע אויסלייזונג פון אונזער פינצטערן גלות.

די דאָזיקע עטלעכע ווערטער האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק

צו זאָגן אין די שלושים נאָך מיין עלטסטן זון, ירובעל. און איצט עטלעכע ווערטער וועגן אים אַליין.

אמת, ס'איז שווער איצט צו רעדן וועגן דעם — ווען אונזערע בעסטע זין שטייען אין שווערן קאַמף — וועגן איינעם פון אַ סך וועלכע פאַלן אין אונזער מלחמה, אָדער מספיד־זיין באַזונדערס אים, הגם ער איז דיין זון. דאָס גוטע וואָס מען דערציילט וועגן איינעם, קען דאָך געזאָגט ווערן כמעט וועגן אַלע, און דער צער וואָס ברויזט אין דיר — ברויזט דאָך אין אַלע פאַראומגליקלעכטע עלטערן. צו־וואָס, אויב אַזוי, אַנטפּלעקן דיין צער, דיינע שבחים? און דאָך — אַ קליינע מצבה — — —

מיין זון איז געווען אַ פּשוטער מענטש, אַ טרייער אַרבעטער, אַן אויפריכטיק וועזן. ער האָט נישט געפּרעדיקט אידעאַלן, זיך נישט געגרויסט מיט געדאַנקען, פיינט געהאַט הויכע דבורים. אַלץ וואָס איז מאָראַליש און ריין — איז אים געווען נאָענט צום האַרצן, הגם ער האָט נישט גערעדט און אויך נישט געוווּסט וועגן דעם. י. ח. ברענער פלעגט רופן אַזעלכע: „שטומע גוטע יידן". און איך וועל אים רופן: דער גראָדליניקער און אויפריכטיקער מענטש פון טאַט.

ירובעל — האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן, ווען ער איז געוואָרן אַ ייד. כ'האָב מיך געטראַכט: אַט איז אויפגעשטאַנען אַ יורש פון מיינע אייגנשאַפטן, זיינען דאָך פאַראַן אַזויפיל מענטשן וואָס איך שטיי מיט זיי אין קאַמף. עד האָט אָבער אָפּגעירשנט די אייגנשאַפטן פון זיין זעליקער מוטער. אַ פרידלעכער מענטש איז ער געווען, ער פלעגט אַלץ גוטהאַרציק מקבל באהבה זיין. אויך צום קאַמף איז ער געגאַנגען מיט גוטהאַרציקייט און מיט ליבע צו אַלץ וואָס אַרום אים, גרייט און שטיל־שווייגנדיק לויט זיין געוווינהייט. נישט ווי איינער וואָס לויפט מיט שמחה צום שלאַכטפעלד, נאָר מיט דער איבערצייגונג אַז ס'איז נישטא פאַראַן קיין ברירה. ער האָט נישט געזוכט עפעקטן. אָבער די פראַכט פון פרייוויליקייט, פון גרייטקייט צום שווערן מצב, צו געפאַרן — האָט גערוט אויף זיין גאַנצן הויכן וועזן.

זיין נאָענטער חבר, יונתן, פון דער היים און פון דער יידישער בריגאַדע, שרייבט וועגן אים צווישן אַנדערן:

..."אָבער אויף איין געביט האָט ער זיך אויסגעצייכנט, געבליבן טריי צו זיין אייגענעם כאַראַקטער. דאָס קאַזאַרמע־לעבן האָט אים נישט קאַליע געמאַכט. ער האָט זיך נישט אויסגעמישט מיט די יעניקע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מיטן זיג אַראָפגעוואָרפן פון זיך די פליכטן פון אַרבעט און פון מאָראַל. דער טעמפּאָ פון זיין לעבן איז תמיד אָפּגעהיט געוואָרן — ער איז נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם. ער האָט געוווסט זיך פרייען און געניסן נאָר אין באַשטימטע גרעניצן. אָבער ווען אַ געשפּרעך פלעגט אַרויס פון די ראַמען, פלעגט ער אַנטשוויגן ווערן און מער זיך נישט באַטייליקן אין אים".

דעמדאָזיקן אמת האָב איך געוווסט, כ'האָב עס געזען אויף זיין פּנים, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון מיליטער. "דאָס קאַזאַרמע־לעבן האָט אים נישט קאַליע־געמאַכט", — ער איז געבליבן ריין, און אין ריינקייט האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה אין די גלבוע־בערג.

און איר, טרערן, ווערט פאַרשטומט.

7 יאָר פלמ"ח *)

די הגנה האָט אַנטוויקלט פאַרשידנאַרטיקע צווייגן, זי האָט מאָביליזירט אַרום זיך פאַרשידענע געזעלשאַפט־קרייזן, זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו פאַרשידענע תקופות און באַדינגונגען.

דער פלמ"ח איז באַהויכט געוואָרן מיטן גייסט פון די גרינדער פון דער הגנה און פון דער חלוצישער באַוועגונג. אין די יאָרן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, פּאַראַלעל צו דעם גרויסן שטראָם פון

---

* פלמ"ח — ראשי תיבות פון צוויי העברעאישע ווערטער: פלוגות מחץ, ד. ה. שטורם־גרופּן.

דער אַלגעמיינער פּריוויליקער מאָביליזאַציע, האָט געריזלט אַ זייַ־טיקער שטראָם. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער ווישי־אינוואַזיע אין סיריע און פון דעם נאַצישן ראַשיד־עלי אויפשטאַנד אין איראַק. עס זיינען געקומען די אַל־אַלאַמיין־טעג. דאַן איז געגרינדעט גע־וואָרן דער פּלמ״ח. ער האָט געצויגן זיין יניקה פון דער דערפאַרונג פון פריער — און געבאַנט זיך אַן אייגענעם און אייגנאַרטיקן וועג.

טויזנטער בחורים און מיידלעך זיינען געווען אין זיינע רייען. אַ טייל פון זיי — אייניקע יאָר, אַ טייל גאַנצע זיבן יאָר. דער פּלמ״ח איז זייער היים, זיי האָבן אים ליב און זיינען שטאָלץ אויף אים.

די אַרבעט איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון זיין קיום. די אַרבעט האָט אים דערצויגן. די אַרבעט האָט אים געבראַכט צו דער לאַנדווירשאַפט. אַזוי־אַרום איז געשאַפן געוואָרן דער סינטעז צווישן קאַמף און אַרבעט. עס איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער באַוואָפּענטער כוח. ער איז איינגעוועבט מיט טויזנטער פעדים אין אונזער חלוצישער שאַפונג: פלייש פון איר פלייש און בלוט פון איר בלוט.

זיבן יאָר פון שפּאַנונג און טעטיקייט און קאַמף — פאַרן רעכט אויף וווקס, אויף עליה, אויף זעלבסטשטענדיקייט. זיבן יאָר אין קאַמף פאַר העפּלה, דעראָבערונג פון באָדן און קאָלאָניזאַציע, פאַר פרייהייט קעגן אַלערליי שונאים.

און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער שטייגער, אַ שטייגער פון יונגע חלוצישע אָפּפערוויליקע קעמפער. לידער און געזאַנג. אַ סטיל, איינגעזאַפּט מיט גבורה און פשטות און חלוצישער קרבנות־גרייטקייט. אַ פאָרמאַציע וואָס גיט־צו דער הגנה אַ באַ־זונדערן חן, וואָס שטאַרקט איר כוח, אונזער כוח. תמיד די ערשטע. זאַנגען און אַ שווערד — דאָס איז דער סימבאָל פון פּלמ״ח. שאַפונג און כוח, מיטן פאָלק און פאַרן פאָלק.

אין אַ לאַגער פון געפאַנגענע אַראַבער

עטלעכע צענדליק זשורנאַליסטן פון פאַרשידענע לענדער האָבן די טעג געקריגן די מעגלעכקייט צו באַזוכן אַ לאַגער פון אַראַבישע געפאַנגענע. די עקסקורסיע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער אָפיציעלער לשכת המודיעין (פּרעסע־ביוראָ). צען אַזייגער אינדערפרי איז אַרויסגעפאָרן דער אויטאָבוס מיט די זשורנאַליסטן פון תל־אביב און אַ האַלבע שעה שפּעטער איז מען שוין געווען אין הרצליה. דער לאַגער געפינט זיך נישט ווייט פונדאַנען— האָט מען אונז געזאָגט. דער צופאָר אַהין איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכט, ווי די קורצע רייזע קיין הרצליה. ביז קיין הרצליה איז מען געפאָרן אויף אַן אַספאַלטענעם שאָסיי, פונדאַנען צום לאַגער — איבער זאַמדיקע פעלדוועגן, טיילמאָל צווישן ביימער און קאַקטוסן. די צווייגן האָבן געקלאַפּט און געפּאַטשט די ווענט פון אויטאָבוס. טיילמאָל האָבן זיך עטלעכע צווייגן אַ שטופּ־אַריין־געטאָן דורך די אָפענע פענסטער, און די מענטשן וואָס זיינען געזעסן ביי די אָפענע פענסטער האָבן פאָרזיכטיק געמוזט אַ כאַפּ־אַוועק־טאָן זייערע קעפּ, אַז נישט וואָלטן זיי געוועזן געקענט קריגן אַ שיינעם פּסק.

דאָס פאַרלאָזענע אַראַבישע דאָרף, אין וועלכן מ׳האָט איינגעאָרדענט דעם לאַגער, הייסט אַג׳עליל און ס׳געפינט זיך אויף אַ באַרג, פונוואַנען ס׳איז פאַראַן אַ שיינער אויסבליק אויפן ים. דאָס דרויסנדיקע בילד פונם לאַגער, איז אַ גוט באַקאַנטס — פון אַלע לענדער. הויכע געדיכטע פאַרצוימונגען פון שטעכיקן דראָט. ביי די דראָטן — אַ וואַך־טורעם, אויף וועלכן ס׳שטייט אַ וואַך־סאָלדאַט, וואָס נעמט אַרום מיטן בליק אַלע ווינקעלעך פונם לאַגער. אינדרויסן פאַר די דראָטן שטייען די געצעלטן פון די יידישע סאָלדאַטן, אינעווייניק — אַזוי זעט מען דורך די דראָטן — דרייען זיך אַרום די געפאַנגענע, און צווישן זיי איינצעלנע יידישע סאָלדאַטן. מען דערקענט דעם אונטערשיד צווישן זיי שוין פונדערווייטנס. ערשטנס טראָגט די מערהייט געפאַנגענע די כאַראַקטעריסטישע קאָפּ־אַרומוויקלונגען, דאַן האָבן זיי אויף דער ברוסט און אויפן רוקן ספּעציעלע

צייכנס, בלויע פירעקעדיקע פלעקן, כדי מען זאָל זיי דערקענען. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געקליידעט אין כאַקי־מלבושים.

נישט דאָס גאַנצע דאָרף איז פאַרנומען דורכן לאַגער, נאָר אַ טייל. דער אַנדערער טייל געפינט זיך אויסער די דראָטן און איז ליידיק. דאָס בערגל אויף וועלכן דאָס דאָרף שטייט, פאַרמאָגט נישט קיין בוימער און ס'איז קיין שאָטן נישטאָ, סיידן אין די הייזער און צווישן די הייזער. די הייזער זיינען ווי געוויינטלעך אין די אַראַבישע דערפער, קליינע, פירעקעכדיקע פלומפע קאַסטנס מיט גראָבע ווענט. פאַראַן אויך אין לאַגער אַ מעטשעט.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט גיט די קאָרעספאָנדענטן אַ קורצן אַריינפיר אין ענגליש. פאַראַן דאָ — זאָגט ער — פיר הונדערט מיט עטלעכע צענדליק געפאַנגענע, די מערהייט פון זיי זיינען פון ארץ־ישראל, אַנדערע זיינען פון מצרים, עיראַק. ס'זיינען דאָ אויך פאַראַן אַ צאָל אַלטע לייט, יונגע יינגלעך און אַ 3—2 פרויען. מען שטייט אין פאַרהאַנדלונגען מיטן „רויטן קרייץ" ער זאָל זיי אַרויסנעמען. ביי פאַרשידענע מיליטערישע סעקטאָרן אין לאַנד זיינען פאַראַן אַראַבישע געפאַנגענע, וועלכע מען וועט ברענגען אַהער און דאָ קאָנצענטרירן. דער לאַגער האַלט זיך ערשט אין אָרגאַניזירן. מיר פירן זיך — זאָגט דער קאָמאַנדיר ווייטער — לויט די כללים פון דער זשענעווער קאָנווענציע. דער לאַגער שטייט אונטער קאָנטראָל פונם „אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ".

אינערווייניק קוקן אונז די געפאַנגענע אָן מיט בייגעריקע בליקן. די יונגע יינגלעך לאַכן. פאַראַן צווישן די זשורנאַליסטן עטלעכע וואָס האָבן פילם־אַפּאַראַטן, און די אַראַבער לאָזן זיך גערן פאָטאָגראַפירן. מען ווייזט אונז איין אַראַבער און מען זאָגט אונז, אַז ער איז אַ קוזין פונם מופתי. ווענדן מיר זיך צו אים, ער רעדט אַ ביסל העברעאיש, נאָך בעסער ענגליש, און ער באַשטעטיקט עס, ער הייסט טאַקע הוסייני.

מיר זעען, ווי אַ גרופּע געפאַנגענע קומט פונדרויסן אין באַגלייטונג פון אַ שטאַרקער יידישער וואַך, יעדער פון זיי טראָגט אַ

זעקל, אַ פּעקל: דאָס ברענגען זיי פּראָוויאַנט, לאַבן ברויט, קאַרטאָפל א. ד. גל. פֿאַר זיך אין לאַגער. ס'איז נאָך נישט פֿאַראַן קיין בשות־פּותדיקע קיך פֿאַרן גאַנצן לאַגער. די געפֿאַנגענע זײַנען אײַנגעטיילט אין עטלעכע גרופּן און יעדע גרופּע קאָכט פֿאַר זיך.

איינער פֿון די זשורנאַליסטן טוט אַ פֿרעג, האַלב אויף קאַטאַ־וועס דעם קאָמאַנדיר, צי דאָ זײַנען פֿאַראַן אויך בריטישע געפֿאַנ־גענע. ענטפֿערט ער: — ניין, נאָך נישט! — צי זײַנען שוין פֿאַר־געקומען פֿאַלן, אַז געפֿאַנגענע זאָלן פּרוּוון אַנטלויפֿן? — פֿרעגט אַן אַנדערער. — ניין — ענטפֿערט דער קאָמאַנדיר, און גיט צו ווידער אַ סאַרקאַסטישע באַמערקונג: — אויך נישט, אַז עמעץ זאָל פּרוּוון זיך אַרײַנגנבֿענען! — געפֿעלט מיר אין פֿלוג נישט דער דאָזיקער ענטפֿער, אָבער עמעצער קלערט מיר דאַן אויף, אַז ס'איז נישט אַזאַ אַבסורד. למשל, די אַראַבישע פּליטים פֿון יפֿו, חיפֿה און פֿון צענד־ליקער דערפֿער, וואָס וואַלגערן זיך הײַנט אין די שכנותדיקע לענדער, אָדער ווער ווייסט ווו — זיי געפֿינען זיך זיכער אין אַן ערגערער לאַגע ווי דידאָזיקע געפֿאַנגענע. נישט איינער פֿון זיי וואָלט זיך דאָ אַרײַנגעגנבֿעט...

פֿראַגמענטן און פּאָרטרעטן

א. אַ חבֿר איז מען נישט מפֿקיר

ווער קען נישט דעם „דזשינדזשי" (דעם געלן) פֿון דער „רויך־קאָמאַנדע"?

אין איינעם פֿון די פֿילע שלאַכטן, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט, ווען די קעמפֿער האָבן צוריקמאַרשירט נאָך אַ געלונ־גענער אָפּעראַציע — איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן זײַן חבֿר דער מ"כ.* די בחורים זײַנען געווען געצוווּנגען זיך צו אײַלן, ווײַל עס האָט

* מ"כ — ראשי תיבֿות: מפֿקד כּתה (אַ גרופּן־קאָמאַנדיר).

אָנגעהויבן טאָגן און ס'איז אָנגעקומען אַ גרויסע פיינטלעכע פאַר־שטאַרקונג. זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שפּאַר שטיקל וועג און לכתחלה נישט באַמערקט דעם פאַרוואונדעטן. ערשט שפּעטער האָט דער „דזשינדזשי" דערהערט קרעכצן. ער האָט דערקענט דעם מ"כ — און איז באַלד אַוועק צוריק אויפן באַרג. די קוילן פליען איבערן קאָפּ. פון אונטן שרייט מען: „דזשינדזשי", וואָס האָסטו זיך פאַר־האַלטן דאָרט אויבן?" — דער „דזשינדזשי" שפּרינגט פון פעלז צו פעלז און פון קוסט צו קוסט און ענטפערט:

— דער מ"כ איז פאַרוואונדעט. מען מוז אים מיטנעמען.

ער איז אָנגעקומען צום פאַרוואונדעטן.

— נעם מיך! — שעפּטשעט דער פאַרוואונדעטער.

דער „דזשינדזשי" נעמט אויף די אַקסלען דעם פאַרוואונדעטן מיט דער דעליקאַטקייט פון אַ קראַנקן־שוועסטער.

די חברה אונטן קענען פשוט נישט אויסהאַלטן און שרייען:

„דזשינדזשי" זיי פאַרזיכטיק, מ'קלאַפּט אויף דיר פון אַלע זייטן.

ער שפּאַנט גיך אָן אויסגעשטרעקטער, קריכט, נישט אויף אַלע פיר, ווייל מ'דאַרף די לעבעדיקע צעוויטאָקטע משא איבערטראַנס־פּאָרטירן מיט דער גרעסטער שנעלקייט. אַ סכנה? יאָ, אַ סכנה איז פאַראַן, אָבער אַנדערש קען מען דאָך נישט! דער מ"כ איז אַ חבר פון קבוץ־הכשרה. צוזאַמען געוווינט אין איין געצעלט, צוזאַמען געאַר־בעט און דורכגעמאַכט מיליטערישע אויסשולונג, צוזאַמען שפּאַצירט, געפּלוידערט, פאַרבראַכט...

אַ חבר איז מען נישט מפקיר, ווען אפילו דו שטעלסט איין דיין אייגן לעבן!

דער „דזשינדזשי" מיטן חבר אויף די אַקסלען איז אָנגעקומען בשלום.

ב. דער שד מיט די גאָלדענע צעפּ

אַ מיידל איז פאַראַן אין פלמ"ח פון גליל, פאַר וועלכער עס ציטערן די אַראַבער פון דער סביבה.

לעגענדעס זיינען פאַרשפּרייט וועגן איר. די אַראַבער פון גליל האָבן באַשטימט אַ פּרייז פון טויזנט פונט פאַר דעם, וואָס וועט זי ברענגען אַ לעבעדיקע, אָדער אַ טויטע.

דער דאָזיקער „שד מיט די גאָלדענע צעפּ״ איז די רייטערין פון דער פּלמ״ח־אָפּטיילונג. אַ „חבלנית״ (אונטערלייגערין פון אויפֿרייס־מאַטעריאַלן), וועלכע האָט צו זיך נישט קיין קאָנקורענט אין דער גאַנצער אָפּטיילונג.

זי פאַרגאַרטלט זיך מיט אַ רעוואָלווער און מיט אַ מעסער אין דער זייט, און אפילו דעם אָפּצייכן פון „טויטן־קאָפּ״ הענגט זי זיך אָן... און איז גרייט צו אַ מלחמה־אָפּעראַציע. איר בילאַנס האָלט אין איין וואַקסן. נישט איין מאָל האָט זי שוין געלאָזט אין גאַנג מינעס אונטער די רעדער פון לאַסט־אויטאָס, אָנגעפּראָפּטע מיט באַוואָפנטע אַראַבער.

אָט שטייט זי און שמועסט מיט צוויי חברטעס, פּלמ״חניצעס ווי זי. זיי טראָגן פּשוטע קליידער, בעת זי טראָגט אַ שלאַכט־אוניפאָרם.

— באַלד וועסטו זיין אין ח״ן (חיל־נשים — פרויען מיליטער־אָפּטיילונגען פון דער יידישער ארמיי) — זאָגן צו איר די חברטעס.

וואָס? — שרייט זי אויס. איך וועל מיך קיין מאָל נישט שיידן מיט „מיין״ אוניפאָרם, איך וועל מיך קיין מאָל נישט שיידן מיט מיין פונקציע ביז צום ענטגילטיקן זיג, און דאַן... דאַן, צוריק אין קיבוץ.

ג. דאָס מיליטער האָט איינגענומען די גאַס

ערשט נישט לאַנג איז געווען אין אונטערערד, אָן אוניפאָרמען און אָפּצייכנונגען, אין גראָע, פאַרבלאָזטע מלבושים, אומבאַקאַנטע.

איצט הויבן זיך אָן אַרויסצושיילן דערקענונג־סימנים.

די ערשטע וואָס האָבן אָנגעטאָן אַ באַנד אויפן אַרבל, זיינען געווען די מ. צ. — ראשי תיבות פון „משטרה צבאית״ — מיליטער־פּאָליציי.

שפּעטער האָבן זיך באַוויזן בחורים מיט אַ באַנד, אָן ראשי תיבות, נאָר מיט אַ פולער אויפשריפט: „שליש המחנה״.

עולם הויבט זיך אָן מוחן און טרעפן, וואָס־פאַראַ ראַנג דאָס איז.

אַ טאַקסי האָט זיך באַוויזן אויף די תל־אביבער גאַסן מיט אַן אויפשריפט: „חיל האויריה" (לופט־פלאָט־מיליטער). מען האָט זי באַגעגנט מיט אָוואַציעס.

בערעטן לויטן פראַנצויזישן נוסח — אַרטילעריסטן.

די סימנים און די לענטעס קומען אויף ביסלעכווייז, אַן קאָקע־טעריע. באַשיידן, ווי בלויז צוליב מיליטערישער נויטווענדיקייט.

עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע היימישע סימנים: בחורים מיט וואָנסעס... וואָס דו געפינסט זיי אין כמעט אַלע פאַרמאַציעס. אַ נייע „מאָדע" אין דער יידישער ארמיי...

די העלדישע „נגב־חיות" טראָגן בערדלעך.

דער ציווילער עולם זוכט מיט ליכט די „גענעראַלן" — די לעצטע מישן זיך אָבער אויס מיט „עמך" און גיבן זיך נישט צו דערקענען.

די אוניפאָרמען זיינען נישט קיין פאַראַד־אוניפאָרמען. די גע־שעענישן יאָגן און ס'איז נישטאָ קיין צייט זיך צו פוצן. ס'מיליטער מאַכט אַן איינדרוק פון פרייהייטס־קעמפער בעת אַ רעוואָלוציע.

תל־אביב ברויזט. דאָס זעלנערישע לעבן קריגט נוסח און פאָרם.

מיליטער אָן מיליטאַריזם. „עמך" וואָס גרייט זיך און פאַר־טיידיקט זיך.